94

# לשון און לעבן


חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

אכטער יאָרגאַנג | דעצעמבער 1947 לאָנדאָן | נומער 12 (העפט 95)

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


אינהאַלט:


מזמור שיר חנוכת הבית לדוד (תהלים ל), נחמיה ד — ** .. 1
סך־הכל — 1947, א. צום סך־הכל — ** .. .. .. .. 2
דער אמת קלאַפּט אין פענסטער (חנוכה) — דוב ווארשאווסקי 5
נס חנוכה—„בזמן הזה" (צו דער „יונאָ" דעציזיע
צו שאַפן אַ יידישע מדינה) — נחום שטענצעל 9
גיטאַנזשיאלי — ראַבינדראַנאַטה טאַגאָרע .. .. 10
די מכב"ים—חנוכה־לאַטקעס (ליד, באַלאַדע) — א. נ. שטענצל 11
בן אלי און אַ לייבעלע (פון דער סעריע
איבערלעבענישן) — משה עובד .. .. .. 14
צוויי ליבע־לידער — דאָרע טייטלבוים .. .. 17
שמע ישראל (דערציילונג־המשך) — יוסף הלל לעווי .. 18
מיניסטער געצל און זיין שפּענצער (פון דזשעק
דעם קאַטערס מעשיות) — א. מ. קייזער .. 23
דאָס רוסישע יידנטום אין אונזער קולטור איבערבוי, קיום
און יידישקייט (צוויי עסייען) — לעאָ קעניג .. 28
ווי אזוי אַן ארץ־ישראל ייד קוקט אויף מענדעלע מוכר ספרים
(צו זיין 30־טן יאָרצייט) — ש. ערנסט .. .. 34
דעם נאַצי'ס יידישע טאָכטער (רעצענזיע) — ל. ש. קרעדיטאָר 38
מענטשלעכע דאָקומענטן און דאָקומענטן פון אונמענטשלעכקייט
(רעצענזיע) — אליהו פּאַלושאַק .. .. 40
צוויי וואָרט־קאָנצערטן: 1 חיהלע גראָבער, 2 ברכה צפורה — ש. 43
יידישע זעלנער פון דער פוילישער ארמיי פאָרן קיין ארץ ישראל
(באַריכט) — ז. קאַפּלאַן .. .. .. .. 47
צדה לדרך אויף נסיעה — יידיש און העברעאיש פאָלקס־ליד .. 49
שלמה קאָהן .. .. .. .. .. .. .. 50
יהודית מאָרעצקאַ — א. מ. .. .. .. .. .. 51
אַן אָפענער בריוו פון י. א. ליסקי און אַן ענטפער פון דער רעדאַקציע 52
חסידישע־פאָלקלאָר (ערשטע סעריע: די אַלטע קאַצקער)
— יחזקאל ערליכמאַן .. .. .. 53
קולטור ידיעות פון דאָ .. .. .. .. .. 55
מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס .. .. 56



פּרייז 1 שילינג

אבאָנענטס־פּרייז:—13/6 פאר אַ יאָר;
אין אויסלאַנד:—3 דאָלאַר אַ יאָר
1/3 פאר אַ פּראָבע נומער

אַדרעס פון רעדאַקציע
„לשון און לעבן", נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן א.1.



שבת, דעם 8־טן נאָוועמבער 1947
6 אַ זייגער
אין לאָקאַל פון יידישן ארבעטער
רינג, עלי סטריט, א.1.
וועט „פריינט פון יידיש לשון"
**אויספלעטן די ווערק**
**פון שלום עליכם**
אַ פלעט 1 שילינג
איינטריט צום נאָכפאָלגנדיקן באַנקעט
3 שילינג
אָנפירונג מיטן אָוונט אליהו פּאַלושאַק
מיט רעציטאַציעס און דעקלעמאַציעס
וועלן אויפטרעטן:
אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין,
פריינט לעמל א. א.
פאָרזיצער :— י. ביעטש
באַזאָרגט אייך מיט בילעטן און העלפט
מיט די טעטיקייט פון
„פריינט פון יידיש לשון"

די סוף־חודש זונטיקס
פון „פריינט פון יידיש לשון"
ביים „בן־אורי"
**„בן-אורי" קונסט גאַלעריע**
14, פּאָרטמען סטריט, וו.1
זונטיק דעם 30־טן נאָוועמבער 1947
8 אַ זייגער
אינם לאָקאַל פון „בן־אורי" אַ
**י. ל. פּרץ אקאַדעמיע**
עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעצי־
טאַציעס און דעקלאַמאַציעס:
שוישפּילערין דאָרא דיאַמאַנט, אייזיק
גאָלדבערג און אסתרל זילבערבערג און
פייגעלע אינפעלד פון די יוגנד־בונד־
גרופּע.
אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל
איינטריט פריי!
נישט מיטגלידער — 1 שילינג
טיי וועט סערווירט ווערן

---

**לאנדאנער אידישער פאלקס טעאטער**
COMMERCIAL ROAD, E.1 Tel.: BIS 2646.
מענעדזשערעס: מרס. נ. אייזיקאָוויטש.

**די לאנדאנער חברים-טרופּע**
**מאיר צעלניקער** און **חנה צעלניקער**
צוזאַמען מיט די באַליבטע קינסטלער לויט'ן א"ב:
אנא בוים, מאד. סאראקין, אנא צעלניקער, מארזשי שערמאן,
איידא שערמאן.
מאקס איצקאוויטש, מאקס בוים, הארי וואכטעל, וואלדעמאר
היינצע, אלבערט פוקס, מאיר צעלניקער, יאזעף שערמאן
בן תלמי.

מוזיקאַלישער אָנפירער: **פהיל בערנשטיין.**

אָנפאַנג יעדן אָבענד אַחוץ פרייטאָג 7.30. זונטאָג מאַטינע 3 אַזייגער.
* * אָרגאַניזאַציעס, בוקט אייערע בענעפיטס באַצייטענס * *



*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St, London, E.1*

מיר באגריסן דעם ישוב אין ארץ ישראל

צוזאמען מיטן גאנצן יידישן פאלק צו דער באנייאונג פון דער

יידישער מלוכה

רעדאקציע „לשון און לעבן“
און „פריינט פון יידיש לשון“

פערלאג י. נאראדיצקי און זין

באגריסן די ווידערגעבוירענע

יידישע מלוכה

בר-כוכבא און כרמל נאראד

דער עולם פון „די יידיש-ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס“
פרייט זיך מיט מיט אַלע יידן מיטן באשלום פון דער יונא

דער פאָרזיצער

מזל-טוב
פאר אַלע יידן פון דער וועלט
צום ווידערגעבורט פון דער
יידישער מלוכה
לשנה הבאה בירושלים
צו די יידן וועלכע ווילן בקרוב קומען
אין אונזער אייגן לאַנד
ווינטשט מאַרים קאַץ

מזל טוב

איך שלים מיך אָן אין די באגריסונגען

צום נצחון פון די ציוניסטן

עמנואל געלער
(מענעדזשער פון „נאַראַד־פּרעס“)

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

אכטער יאָרגאנג    דעצעמבער 1947, לאָנדאָן    **נומער** 12 (העפט 95)

## מזמור שיר חנוכת הבית לדוד

א מזמור; א געזאנג צו דער באנייאונג פון טעמפל פון דודן.
איך דערהויב דיך, גאט, ווארום האסט מיך אויפגעריכט,
און ניט דערפרייט מיינע פיינט איבער מיר.
גאט מיין גאט.
איך האב געשריען צו דיר, און האסט מיך געהיילט,
גאט, האסט ארויפגעבראכט פון אונטערערד מיין זעל,
האסט מיך אויפגעלעבט, איך זאל ניט נידערן אין גרוב.
קען דיך לויבן דער שטויב?
קען ער דערציילן דיין אמת?
הער, גאט און לייטזעליק מיך,
גאט, זיי מיר א העלפער.
האסט מיר פארקערט מיין קלאג און טאנץ,
האסט אפגעבונדן מיין זאקקלייד,
און מיך אנגעגורט מיט פרייד;
דרום וועט דיך באזינגען די זעל, און ניט שווייגן.
גאט מיין גאט, אייביק וועל איך דיר דאנקען.    (תהלים ל׳)

*    *    *

...פון יענעם טאָג אָן, האָבן העלפט פון מיינע יונגען געטאָן די אַרבעט, און העלפט פון זיי האָבן געהאַלטן די שפּיזן, די שילדן און די בויגנס, און די פּאַנ־צערס; און די האַרן זיינען געווען הינטער דעם גאַנצן הויז פון יהודה וואָס האָבן געבויט די מויער, און די לאַסט־טרעגער לאָדנדיק האָבן מיט איין האַנט זייערער געטאָן די אַרבעט, און איינער האָט געהאַלטן דעם וואָפן. און די בויער זיינען געווען אָנגעגורט איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיינע לענדן, און אַזוי געווען אָנגעגורט איטלעכער מיט זיין שווערד אויף זיינע לענדן, און אַזוי האָבן זיי געבויט; און אַ שופר בלאָזער איז געווען לעבן מיר. און איך האָב געזאָגט צו די אדללייט, און צו די פאָרשטייער, און צו דעם איבעריקן פאָלק: די אַרבעט איז גרוים און אויסגעברייט, און מיר זיינען אָפּגעזונדערט אויף אויף דער מויער, ווייט איינער פון אַנדערן. איז, אין דעם אָרט וואָס איר וועט הערן דעם קול פון שופר, אַהין זאָלט איר זיך איינזאַמלען צו אונדז; אונדזער גאָט וועט מלחמה האַלטן פאַר אונדז.    (נחמיה ד׳ ט׳) — יהואש

## סך־הכל — 1947

דער היינטיקער לייט־אַרטיקל, ווי פאַרן דעצעמבער נומער, האָט געזאָלט זיין אַ מין בילאַנס פון רעדאַקציע ענינים און פון דער אַרבעט און פונם קאַמף פון „פריינט פון יידיש לשון" מיט טענות צו אונזערע געגנער און מיט תביעות צו אונז אַליין און מיט אַ לאַנגן צעטל אָפּרעכענונגען מיט סתם קבצנישע קיביצער און וואַנדערדיקע רכילות־אַרומשלעפּער. אָבער דער דיקער שטריך אונטער וועלכן עס קומט היי־יאָר אונזער אַלעמענס סך־הכל האָט אויסגעמעקט אונזערע קליינלעכע חשבונות.

* * *

עס איז אַ חג היובל איבער דער גאַנצער וועלט — דער חודש דעצעמבער, דער חנוכה־חודש כסלו איז אַ יובל־פייערונג פאַר אַלע מענטשן: עס האָבן די פעלקער פון דער וועלט דאָס יידישע פאָלק מפיים געווען — אונטער דעם דיקן שטריך געצויגן מיטן בלוט פון אונזערע 6,000,000 בלוטיק פאַרטיליקטע שטייט דער סך־הכל, 2000 יאָריקער גלות — —

די פעלקער האָבן אונז מפיים געווען! אַלע אַלטע שטרי־חובות און אָפּרעכענונגען וואָס ס'איז צווישן אונז און זיי געווען זיינען צעריסן געוואָרן, זיינען בטל געוואָרן — עס איז אַ באַפרייאונג געקומען צו אונזער עבדות, צו אונזער שפלותדיקע קנעכטשאַפט — — —

די פעלקער האָבן אונז מפיים געווען. זיי האָבן אונז איבערגעגעבן דעם כוח וואָס זיי אַליין פאַרמאָגן; זיי האָבן אונז איבערגעגעבן מלוכה־רעכט; זיי האָבן אונז געמאַכט פאַר אַ רעאַל פאָלק צווישן פעלקער — — — — —

די 2000 יאָר וועלכע מיר האָבן געלעבט מיטן היתר־עיסקא, מיטן הלל־פרוזבל; די אַלע ספרים שער־בלעטלעך בלוטיק באַשריבענע: „נתתי להגוי כך וכך..." קבלתי מהערל במזומן, והרעשט..." זיינען אויסגעטריקענטע, זיי זיינען באַשיט מיטן אַש פון די מיליאָנען פאַרברענטע — — —

דער רוב פון די פעלקער פון דער וועלט האָבן אונז מפיים געווען!

מיר אָבער, אַז מיר זאָלן ווערט זיין די אתחלתא דגאולה, אַז מיר זאָלן באמת ווערן דערלייזטע און דערפרייטע, נישט זיין ווי די אַרויסגעלאָזענע עבדים! — נאָר זיין די דערלייזער פון דער שכינה; קענען דערפילן די שמחת הגאולה, ווי אונזערע טאַטעס און זיידעס האָבן דערפילט דעם שכינתא בגלותא — אַזוי טיף אינערלעך קענען דערפילן די פרייד, ווי זיי, הויך־דערהויבן, האָבן דערפילט דעם צער! — יאָ, אַז מיר זאָלן קאָנען אויפהויבן אונזערע פאַרטרערטע אויגן מיט ליכטיקער פרייד, מוזן די אַלע געקוילעטע־פאַרקוילטע־פאַרטיליקטע, אויף קידוש־השם און קידוש־העם מיט־אויפשטיין מיט אונז, אַזוי לעבעדיק לייבהאַפטיק, אַזוי אומשטערבלעך ווי זיי זיינען געווען — —

יאָ, ווי די יידישע מסורה, ווי די הגדה דערציילט: פון די קברים וועלן זיי אויפשטיין, אין זייערע קליידער אָנגעטון; יאָ, ווי מיר קינדער האָבן זיך אין חדר דערציילט: די שולן און די בתי מדרשים וועלן אויף רעדלעך מיט אונז מיטפאָרן — — —



אַזוי־אָ מוז זיין אונזער גאולה. אַז קיין איין טאָג פון אונזער גלות זאָל נישט פאַרלוירן גיין אויפן וועג פון אונזער באַפרייאונג, אַז קיין איין רינג פון אונזער גאָלדענער־שקלאַפן קייט זאָל נישט גיין לאיבוד, אַז זי זאָל חלילה נישט איבערגעריסן ווערן אויף דעם שווערן דרך המלך־וועג פון אונזער דערלייזונג, אַז פונקט אַזוי ווי זי האָט אונז באַגלייט מיט דערוועקנדיקן קלאַנג ווען מיר האָבן געזייט מיט טרערן זאָל זי אונז וועקן מיט איר פריידיקן קלאַנג צו קענען אַריינעמען אונזער שניט: „גיין גייט און וויינט דער וואָס טראָגט דעם אויסשניט פון זריעה, אָבער קומען זאָל קומען מיט געזאַנג דער וואָס טראָגט זיינע גאַרבן".

## א. צום סך־הכל

אינם ערשטן פעריאָד פון אונזער געשיכטע האָבן מיר געשאַפן די לשון קודשדיקע ווערטער און מיט זיי באַשאַפן די וועלט: „ויאמר אלקים יהי אור ויהי אור", און גאָט האָט געזאָגט ס'זאָל ווערן ליכטיק און ס'איז געוואָרן ליכטיק. אַז מ'האָט נישט דאָס וואָרט פאַר דער זאַך, זעט מען די זאַך נישט, עקזיסטירט זי נישט. געפינענדיק דאָס וואָרט אינם האַרץ, עפנט זיך אויף דאָס האַרץ פון דער וועלט און די זאַך גייט לייבהאַפטיק אַנטקעגן — מיט פאָרמול ווערן ערשט די חפצים ענטדעקט און דערפונדן! די פיל־פאַלטיקייט, די מיליאָנען־שאַטירונגען פונם קאָסמאָס ווערן פעסטע פאָרעם פאַר אונזערע חושים. די עקזיסטירענדיקע עלעקטריציטעט האָט ערשט איר קאָנטאַקט געפונען צום מענטש מיטן געפונענעם פאָרמול. און אַזוי אַלע זאַכן אין אונז און אַרום אונז — דאָס וואָרט באַשאַפט זיי ערשט.

וואָס איז דען ליטעראַטור און קונסט? טויזנט מאָל וועט דער פויער פאַרבייגיין פאַר זיין שטיק פעלד, יאָר איין און יאָר אויס עס באַאַקערן און שניידן און באַגראָבן ווערן דערין ווי אַ בלינדער מאָלוורף. ערשט מיטן וואָרט, מוסר געווען פון דור צו דור, זעט ער אויפגיין די וויגנדיקע פעלדער, דערהערט ער דעם ווינט צווישן די זאַנגען.

טויזנטער דורות זיינען מסתמא געבוירן געוואָרן און מיליאָנען מענטשן אויף דער ערד זיך אַרומגעדרייט און קיין מענטש איז אויף דער ערד נאָך נישט געווען ווייל דאָס וואָרט מענטש, ווייל דער העבראַאישער פאָרמול אדם, איז נאָך נישט ענדעקט געווען.

און אָט די ענטדעקטע און דערפונדענע ווערטער און די ערשטע צוזאַמענגעזעצטע זאַצן, דאָס ערשטע דערזען און דער אופן ווי די זאַכן קומען אונז אַנטקעגן, זייער באַווייזן זיך און די באַגעגעניש מיט זיי, דאָס איז פאָלקלאָר. וואָרים פונקט ווי וואָרט גע'זווג'ט מיט האַנדלונג איז ענטדעקט פאָרמול, זיינען אויפגעבויטע זאַצן פאָלקס אַפאָריזמען — פילאָזאָפישע געביידעם פון האַמעטנע מחשבות און שווער־אַרבטנדיקע געפילן.

אַזוי איז ענשטאַנען דער תנ"ך! די ערשטע באַגעגעניש פונם מענטש מיטן כאָאָס, מיט די אור־כוחות! די תורה איז נישט אַ געמאַכטער קאָדעקס, פונקט ווי די נביאים זיינען נישט קיין ווילד צעשריגענע תוכחה־רייד, און

די כתובים נישט פּערפעקטע לירישע פּאָעמעס און חכמהדיקע גלייכווערטלעך — עס איז צוזאַמענגעזאַמלטער פּאָלקלאָר פון טויזנטער יאָרן פון מענטש אין אָריענט. דער צוזאַמענשטויס און צוזאַמענטרעף פון מענטש מיט גאָט ! ! דער תנ"ך איז דאָס בילדער־בוך פון יינגלינג־מענטש, זיך שפּילענדיק דערמיט, עס מישנדיק, זיך צו דערזען און די לעגענדע פון זיין ענטשטיין.

און מיטן תנ"ך זיינען מיר יידן געוואָרן אַן עם־הספר — אַ לעבעדיק פּאָלק, וואָס איז לייבהאַפטיק ארויסגעגאַנגען פון אַ ספר ! בוכשטעבלעכע האַנדלונג איז געוואָרן פאַר אונז יעדעס אויפגעשריבענע וואָרט, די פסוקים זיינען געוואָרן אונזער „שבעל פה". און ווי די אבות אַזוי אָנגעטון, ווי זיי זיך באַוועגענדיק, מיט זייערע תנועות און הועיות, האָבן מיר אָנגעהויבן ארומצוגיין אויף דער ערד. אַזוי אָנגעטון און אַזוי עסנדיק „ווייל אַזוי האָבן אונזערע עלטערן געטון". — ענטדעקונג פונם ערשטן אופן פון ברויט באַקן איז געוואָרן אונזער „לחם עוני"; מעגלעכקייט פון אַן ערשטן מין מלבוש, — אַ געוועבטער פיר־עק פון קילן ליינען־פלאַקס איבערן לייב, און אין די סאַמום־טעג, אַז דער ווינט זאָל עס נישט צובלאָזן אין די פיר עקן, עס פאַרקניפּן מיט די כפל־שמונה־פעדעם, ארויסגעריסן פון די וואָל פון אַ שעפּס. אַזוי איז די מצוה פון ציצות, און אַזוי כמעט קאָן מען נאָכגיין אַלע חוקים און עטישע־פאָרמולן. עס איז דאָס פעסט האַלטן פון דער ערשטער דערלעבעניש פונם באַשאַף ! דער פריידיקער שטאָלץ פונם באַשאַפער און ענטדעקער.

פאַר 2000 יאָר צוריק מיטן אָפּשלום פון אונזער רעאַלן לעבן האָבן מיר שיער דעם מלכות השמים דערנידריקט צו דער ערד, מיט גאָט זיך צו באַגעגענען ווי מענטש מיט מענטש און דער צלם וואָלט געבליבן, חלילה, אונזער תליה. וואָרים אַ געטשקע געמאַכט פון מענטשן־פלייש ווערט נאָך ניט געטלעכער, פון געגאָסענעם אָפּגאָט פון גאָלד, צי פון בליי...

אָבער מיט אונזער ספר הספרים אין די צעבראָכענע הענט, און מיט אונזער בלוטיקן צלם אלקים האָבן מיר אין אונזערע אויגן געטראָגן דעם ירושלים של מעלה איבער דער גאָרער וועלט. אַראָפּגעריסן זיך פון די תליות זיינען מיר מיט בלוטיק ארויסגעשטעקטע צונגען, צו אַלע פעלקער און אַלע מענטשן, אַזוי געלאָפן איבער אַלע לענדער און פאַרוואַנדלט געוואָרן מיט אונזערע תלי תלי של הלכות, מיט רבה בר בר חנא'ס און מיטלאַלטערלעכע ליצים קדושים און לצנות־טרייבער צו אַ נייעם פאָלקלאָר, צו אַ נייער ליטעראַטור.

אָ, אין וואָסער כתבי קודש זיי קאָנען פאַרוואַנדלט ווערן !

זיבציק יאָר נאָר זיינען מיר געווען אין גלות בבל, און וואָסער תנ"ך מיר האָבן אין אונזערע 200 יאָריקער מנוחה צוזאַמענגעשטעלט. און יעצט נאָך 2000 יאָר גלותן איבערן גאַנצן כדור הארץ — — —

טויזנטער, יאָרן מנוחה האָבן מיר דערצו נויטיק.

(המשך קומט)



## הרב דוב ווארשאַווסקי

לכבוד חנוכה תש"ח

# דער אמת קלאַפּט אין פענסטער

הגם די מענטשהייט, און מיר יידן בתוכם, זיינען נאָך זער ווייט פון דער גאולה פון „כולו זכאי"; דאָס הייסט, ווען יעדער יחיד וועט זיין אמתדיק און ערלעך, אַנדערש געזאָגט, ווען דער גאַנצער כלל וועט באַשטיין פון מאָראַליש־גייסטיקע יחידים־גבורים, וואָס וועלן איינשטעלן אַ גערעכטע און יושרדיקע וועלט־געזעלשאַפט — דאָך הייסט עס נישט צו זאָגן, אַז מיר האָבן היינט אַבסאָלוט קיין יחידים־גבורים נישט. אין יעדער עפּאָכע און אין יעדן דור זיינען זיי דאָ, די געציילטע אינדיווידואַליסטן, וועלכע קעמפן פאַרן ריינעם אמת און צדק, און שטויסן זייער דור צו גיין אויפן דרך־הישר, — זאָל זיין אויף אַקורצער צייט, — און באַווירקן אַזוי אַרום אויפן גאַנג פון דער געשיכטע פון דער וועלט.

ווען אפילו, דער דור איז נישט ראוי צו גאולה, איגנאָרירט און פאַרטרייבט זיינע יחידים, דאָך, מיט יאָרן שפּעטער, קומט צו גיין דער אמת פון די יחידים־גבורים און קלאַפּט אין פענסטער.... מען זעט זיך אַרום צו שפּעט און מען צאָלט דערפאַר אַ טייערן און ביטערן פּרייז.....

דער געראַנגל פון די יחידים־גבורים איז שטענדיק אַ קאַמף פון „תמות נפשי עם פלשתים". אפילו ווען שמשון איז נישט בלינד, איז זעעוודיק, הייסט זיין קאַמף אויך אַ „תמות נפשי עם פלשתים". שמשון'ס לעבן הענגט שטענדיק אויף אַ האָר, ער גייט אויפן טויט; ווייל די שמשונ'ס זיינען געציילטע, איינער, צוויי אָדער זעקס, מער נישט — אַ מיעוט קעגן אַ רבים.

די גבורים־יחידים וואַרטן נישט ווען זיי וועלן שטאַרק און אַ רבים זיין. אַנדערש, וואָלטן זיי קיין גבורים נישט געווען. די שמשונ'ס וועלן קיינמאָל נישט שטאַרקער און נומעריש מער זיין פון די שונאי־ישראל. די שטאַרקייט און די גבורה פון די יחידים איז זייער געוואַלדיקע אהבת ישראל, ערלעכקייט, געוויסן, וואָס וועקט אין זיי האַס צו רשעות און מסירת נפש. גבורים טראַכטן נישט און פילאָזאָפירן נישט ווען עס האַנדלט זיך אין באַלדיקער רעטונג פון זייער פאָלק....

עס איז נישט קיין קלייניקייט. נישט יעדער איז מסוגל צו זאָגן „תמות נפשי עם פלשתים". מען דאַרף צום אַלעם ערשטן קענען זאָגן און אויספירן דעם „באשר תמותי אמות" (ווי רות צו נעמין). ביי דעם יעניקן, ביי וועמען די ליבע צו אַ ייד איז אַזוי גרויס, אַז ער קען זאָגן „וואו דו וועסט שטאַרבן וועל איך אויך פאַלן". דער באַזיצט די געהעריקע שנאה צו עמלקים צו המן'ס; דער פאַרמאָגט דעם כוח צו מקריב זיין זיך, און זאָגט תמות נפשי עם פלשתים.

ווער זאָגט עס, אַז מען דאַרף אויסציען דעם האַלז און וואַרטן ביז דער תליון וועט אים איבערשניידן מיט זיין מעסער, אָדער פאַרציען מיטן שטריק, און דאַן זאָל עס הייסן קידוש השם ? ! — ניין ! אַ פיל גרעסערער קידוש־

השם איז, ווען מען האַלט דעם מעסער גרייט און מען זעצט אים אַריין אין רוצח׳ס האַרץ! אָדער מען נעמט אָן דעם בנין פאַר די סלופּעס און מען קראַכט צוזאַמען מיט די סדום רוצחים! דאָס הייסט אַ קידוש השם...!

צו דעם סוג יחידים־גבורים האָבן אָנגעהערט די חשמונאים, מתתיהו מיט זיינע פינף זין, בלויז זעקס פּערזאָן, אַ הייפל, אַ מיעוט.

אפילו צווישן די גרויסע 12 שבטים, יעקב׳ס קינדער, האָבן זיך אָפּגעפונען בלויז 2 יחידים, שמעון און לוי. הגם אַלע ברידער האָבן געברענט נאָך נקמה פאַר דער שענדונג פון זייער שוועסטער (במרמה, וידברו...) דאָך, האָבן זיך אָפּגעפונען בלויז 2 ברידער — „שמעון ולוי אחי דינה“, און האָבן מיט זייערע שווערדלעך געטאָן צו די שענדער פון זייער שוועסטער, זייער רעכט....די איבריקע ברידער זיינען געקומען שפּעטער צו טיילן זיך מיט דער ירושה....(בני יעקב באו על החללים—ויבוזו...)

די צוויי גבורים, — אָדער ווי מיר וואָלטן זיי גערופן די „משוגעים“, — שמעון און לוי האָבן אָנגעהויבן אַ נייע תקופה אין דעם דאַמאָלסטיקן יידישן לעבן. אברהם האָט נאָך געזוכט „צדיקים“ אין סדום, און געפּעשטשעט דעם פּרא אדם ישמעאל. ביז די מאַמע שרה האָט אברהם׳ן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז יצחק מיט ישמעאלען קענען נישט טיילן זיך מיט דער ירושה, און דער פּרא אדם ווערט פאַרטריבן פון שרהס הויז. יצחק בענטשט זיך מיט עשו׳ן און וויל אים אָוועקגעבן אַלע ברכות (ממש אַלץ, יעקב׳ן גאָרנישט...) נאָר אַ דאַנק דער מוטער רבקה זיגט די גערעכטיקייט. יעקב האַנדלט אויס די בכורה ביי עשו׳ן פאַר אַ טאָפּ לינזן, און האָט צו טאָן מיט שטעקעלעך מיט דעם לבן הרמאי, דעם שקרניק. יעקב ווערט אָפּגענאַרט פון קאָפּ ביז די פיס, פון אַלע הבטחות און דעקלעראַציעס לאָזט זיך אויס אַ בוידעם — נישט קיין בכורה און נישט קיין ברכות....יעקב שווייגט אויך ווען מען שענדעט זיין טאָכטער.

אָבער די יונגע גייסטיקע גבורים שמעון און לוי קענען דאָס נישט פאַרשטיין. זיי באַגרייפן נישט אַזאַ סדום־וועלט פירונג און בונטעווען זיך. און ווען יעקב כעסט זיך אויף שמעון און לוי׳ן: „איר האָט מיט אייערע מעשים אָנגערייצט אויף אונז אַלע גויים אַרום“, — ענטפערן שמעון און לוי תמימותדיק און ערלעך: „הכזונה יעשה את אחתנו“!? שענדן, באַליידיקן אונזער שוועסטער און שווייגן?! און די גויים אַרום האָבן נישט געוואַגט אָנצוהויבן מיט די שמעונ׳ס און לוי׳ס (ויהי חתת אלקים—ולא רדפו). [מיר קענען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס שמעון און לוי וואָלטן געזאָגט און געטאָן אויך צו די דייטשישע רוצחים פאַר אומברענגען מיליאָנען יידן....]

די פאַר׳עקשנ׳טע און „ביטערע“ חברה, שמעון ולוי, האָבן זיך נישט געלאָזט; זיי האָבן געקעמפט מיט די שונאי־ישראל פון דרויסן און אויך נישט פאַרטראָגן די מיוחסים, די קעסט־קינדער צווישן די אייגענע ברידער און האָבן באַקעמפט און אַרונטערגעריסן די „זיידענע העמדלעך“ (כתנת הפסים) פון זייערע אַקסלען. די זיידענע העמדלעך, די פרות הבשן, די נשים שאננות,



דאָס וועלן הערשן און פאַרכאַפּן אַלעס פאַר זיך, זיינען גורם חורבן און גלות... שמעון און לוי האָבן געמאָנט און געפאָדערט גערעכטיקייט און אמת פון אַלעמען און פאַר אַלעמען. דער שבט לוי האָט זיך אויך איינגעשפּאַרט און נישט געוואָלט אָנערקענען דעם גלות מצרים און איז טאַקע געווען דער איינציקער וואָס האָט נישט געאַרבעט קיין עבודת פרך אין מצרים....

די יחידים־גבורים, שמעון און לוי, הגם, זיי האָבן זיך מקריב געווען מיט מסירת נפש פאַרן כלל פאַרן צדק און אמת, דאָך האָבן זיי אַליין געטראָגן דעם בראַנד. דער אַלטער טאַטע יעקב האָט געשאָלטן זייער כעס און צאָרן און האָט זיי געוואונטשן צו זיין אָרעמעלייט, צעזייט און צעשפּרייט צווישן פאָלק (ארור אפם, ועברתם, אפיצם ביעקב). אָבער די קללות פון יעקב׳ן זיינען גאָר געווען ברכות; ווייל ווער נאָך ווי שבט שמעון איז געווען באַרופן אַרויסצוגעבן פון זיך די מלמדים און רביים, וועלכע וואַנדערן פון שטאָט צו שטאָט און לערנען מיט די יידישע קינדער (מסתמא) דעם מסירות נפש פון שמעונ׳ן? און לוי? — האָט דאָך ג־ט אַלין צוגעטשעפּעט אַ מעדאַל צום שבט לוי׳ס ברוסט און אויסדערוויילט אים צו זיין דער טרעגער פון דער תורה און צו זיין דער מדריך און וועג־ווייזער פון פאָלק! לוי האָט פון זיך אַרויסגעגעבן דעם גרויסן משה רבנו, וועלכער האָט דאָס פאָלק פון גלות מצרים אַרויסגעראַטעוועט און אים אַ תורה און אַ לערע געגעבן!

דער אוהב ורודף שלום (פאַר יעדן פּרייז...) אהרן הכהן האָט מיט זיין שיטה קיין סך נישט דערגרייכט. ער האָט מיט זיין שיטה גורם געווען, אַז דאָס פאָלק זאָל טאַנצן אַרום אַן „עגל הזהב“ פאַרוואָס מיר ליידן עד היום, (כי פרעה אהרן לשמצה בקמיהם). אָבער דער אייניקל פון לוי׳ן — דער קנאי פנחס און שפּעטערדיקער אליהו הנביא, וועלכער האָט געשטאָכן דעם בוגד און מסור, זמרי, און געהאַקט די קעפּ פון די פאַלשע נביאים, האָט באַקומען די אָנערקענונג פון ג־ט — ונתתי לו בריתי שלום — דער קנאי פנחס, וועלכער דערלאָזט נישט קיין עולות און רייסט דעם שקר מיטן וואָרצל, ער וועט ברענגען דעם שלום.

און אַזוי גייען פאַר אונזערע אויגן די פּעליאַדע יחידים־גבורים, וועלכע שטויסן דאָס פאָלק אויפן דרך הישר: די לוים, וואָס צעשמעטערן די גרויסע מערהייט טענצער אַרום עגל הזהב, כלב, יהושע, די שופטים, שמשון, יאָ, אפילו יפתח געהערט אויך צו זיי, דוד המלך ירמיהו הנביא און פיל אַנדערע, ביז עס שווימען אויף די העלדישע אייניקלעך פון לוי׳ן — די מכבי׳עער, מתתיהו ובניו.

די דאָזיקע יחידים־גבורים, די חשמונאים, וועלכע מיר פייערן און יובלען אַזוי היינט, זיינען אָן שום ספק געווען פאַרשריגן און באַשמוצט פון אַלע זייטן. מען האָט זיי אָנגערופן מיט די העסלעכסטע נעמען ווי, „פורשים“, „לאָבוסעס“, „באַנדיטן“ א.א.וו. די פּאָליטישע „פרומע“ האָבן זיך געבייזערט אויף זיי, הלמאי די פורשים פאַרפירן די רעליגיעזע קינדער. די קנעכטישע פרייע יידישע העלעניסטן האָבן געשטורעמט, אַז די פורשים שטעלן אין

סכנה דעם ארץ ישראל ישוב און מען דארף זיי אויסראָטן, אויסוואָרצלען פון דער מחנה. אָבער די גבורים־חשמונאים, טראָץ אַלע שטערונגען און רדיפות פון אינעווייניג, זיינען אָנגעגאַנגען מיט זייער מסירות נפשדיקן קאַמף פון תמות נפשי עם פלשתים; געציילטע יחידים קעגן הונדערטער טויזנטער, ביז עס איז געשען דער נס פון ורבים ביד מעטים וטמאים ביד טהורים א.א.וו. דער שונא אנטיוכס מיט זיינע חילות זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון ארץ־ישראל.

די חשמונאים, ווי די יחידים פון אַלע צייטן, האָבן באַזעסן אַ ניצוץ פון אורו של משיח, וועלכעס נאָר ג־ט אַליין באַשאַפט און בלאָזט אַריין אין דעם מענטש. און דערפאַר קענען זיי נישט פאַרטראָגן קיין שקר און חניפה און האַסן רשעות, אונגערעכטיקייט און שונאי ישראל. דער דאָזיקער פונק טליעט טיף און תמיד אין זייערע הערצער און דאָס טרייבט זיי צו מעשים. די חשמונאים וואַרטן נישט, פּאָליטיקעווען נישט און שרייען: הכזונה יעשה את אחותנו! ? דער פונק צעפלאַקערט זיך אין אַ העליש פייער, וואָס ברענט אויס די רשעות און צינדט אָן דעם „נר תמיד“ פון אמת און צדק.

אָבער, ווי נאָר דער ציל פון די יחידים ווערט דערגרייכט און פון דעם קליינעם מיעוט ווערט אַ רבים, אַ כלל, אַ מאַסן־אידעע, אַזוי טוט זיך אָפּ די קדושה פון דער זאַך. דער ריינער פייער פון די יחידים ווערט פאַרצערט פון כלל אויף כבוד, פּאָסטן׳ס, קנאה, מאַכט, און ס׳הויבט זיך ווידער אָן אַ עפּאָכע פון שקר און רשעות און במילא—חורבן... דער רבים, דער כלל, די מערהייט קען זיך קיינמאָל נישט דערהויבן צו דער מדרגה פון „כולו זכאי“. זי קען אַמאָל העלפן צו געווינען אַ פאַרצווייפלטן קאַמף אָבער זי קען קיינמאָל נישט איינשטעלן אַ דויערנדיקן שלום. אין דעם פּרט מוזן מיר אָנקומען צו דעם קנאי פנחס און בייזן אליהו הנביא — הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום הגדול והנורא והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם...

די אַלטע יעקב׳ס דאַרפן אָנפילן די יונגע שמעון און לוי׳ס; און די יונגע שמעון און לוי דאַרפן פאַרשטיין די אַלטע יעקב׳ס, אָט פונקט ווי מתתיהו ובניו — דער אַלטער מיט די יונגע, מיט איין דעה און מיט איין האַרץ... דער נ ס וועט זיין פון א ל י ה ו (לשנה הבאה) ב י ר ו ש ל י ם...

דער אמת פון די יחידים־גבורים קלאַפּט אין פענסטער. . . . אַ מאָל פריער אַ מאָל שפּעטער — ער קומט...!

און ווען איך פאַרטראַכט זיך, ווי איך וועל פאַר אים עפענען די טיר היינטיקן חנוכה, באַפאַלט מיר אָן אומעט און שטיקנדיקער צער; ווייל גע־קומען איז ער, דער אמת, נישט צוליב זיין שולד, אַזוי שפּעט, אַ באַשפּיגענער, אַ צעבלוטיקטער, אַ צעשניטענער, באַגלייט מיט אָן אַ שעור סילועטן...

וועלן טאַקע די היינטיקע חנוכה־ליכטעלעך זיין פאַר מיר אַ סימבאָל פון אַ נ ס ־ ח נ ו כ ה...? — אָדער אַ י אָ ר צ י י ט נאָך די וואָס האָבן אַזוי יידיש־שיין און טרוימעריש געלעבט, העראָאיש געליטן, און אַזוי טראַגיש אומגעקומען און אכזריות׳דיק פאַרגעסן געוואָרן(!) און שוין מער נישטאָ...?



## נחום שטענצל

# נס־חנוכה — „בזמן הזה“

(צו דער „יונאָ“ דעציזיע צו שאַפן אַ יידישע מדינה)

מיט אַ פול האַרץ פון התרוממות און הכנעה׳דיקער דאַנקבאַרקייט שעפּ־טשען אונזערע ליפּן די טראַדיציאָנעלע ברכה פון „שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה — — —

„געלויבט ביסטו גאָט וואָס דו האָסט אונז געלאָזט לעבן, צו דערלעבן די דאָזיקע צייט“, ווען ישראליקל קען טאַקע שוין ריכטיק גיין אַהיים.

וואָס פאַר אַ זכיה פאַר יעדן נאָך־יידיש־פילנדיקן ייד פון אונזער דור צו האָבן דערלעבט די נחמה — די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג פון אונזער גע־פּלאָגט פאָלק, פון וועלכן, דורות האָבן געחלומט אַז עס וועט קומען אָט דער דערפאָלג — — —

וואָס פאַר אַ זכיה פאַר יעדן איינעם פון אומות־העולם, וועלכע האָבן, אין דער גרויסער היסטאָרישער שעה, צוגעלייגט אַ האַנט צו אונזער רעהאַ־ביליטאַציע;

וואָס פאַר אַ זכיה פאַר די יידישע מנהיגים וואָס האָבן געהאָרעוועט און זיך געמיט פאַר דער אויסלייזונג פון זייער פאָלק משועבד לגאולה.

*  *  *

„ואחר כן באו בניך לדביר ביתך ופינו את היכלך וטהרו את מקדשך“...

ווי סימבאָליש, אַז די איינציקע שטימע קעגן אונז פון אַן אייראָפּעאישע מלוכה איז געווען גריכלאַנד, די אַמאָליקע העלעניסטישע יוונים— — — אַצינד, ערשט, ווען די בע־יוונים האָבן געהאַט זייער מפּלה, מוזן מיר קומען און רייניקן אונזער היכל, מיט אונזער ביישפּיל ווייזן דער וועלט ווי אַ לעבן פון אַ פאָלק קען ווערן געלעבט, ווי מ׳קען פון אַ פּיצעלע ערד מאַכן אַן אדמת־קודש פון קדושה וטהרה, חסד ורחמים — — —

„והדליקו נרות בחצרות קדשך“ — — און ליכטלעך, העלע, מוזן מיר אָנצינדן אין אַלע ווינקעלעך פון אונזער באַנייטער מדינה — — —

*  *  *

דאָס אָ זענען מיר שולדיק נישט נאָר די פעלקער — וועלכע, אגב, האָבן אונז בלויז טיילווייז באַצאָלט אַן אַלטן חוב — נאָר, אין ערשטער ריי אונזערע 6 מיליאָן קדושים, וועלכע, מיט זייער אומשולדיק־פאַרגאָסן בלוט האָבן פאַר אונז איינגענומען ארץ ישראל; וועלכע זענען, פאַר אונז, געגאַנגען אין פייער אַריין — — —

*  *  *

„ווער ווייסט“ — פלעגט דער לובלינער רב, ר׳ מאיר שאַפּירא זצ״ל, זאָגן — „צו אַ מאַמע וואָלט אַזוי ליב געהאַט איר קינד, ווען די חבלי־לידה וואָלטן נישט געווען אַזוי גרוים“.

יאָ, זער, זער גרויס זענען געווען די חבלי־לידה, וועלכע האָלטן דערווייל נאָך אָן, און מיר האָפן און בעטן, אַז עס זאָל אַדורך בשלום און אין אַ מזל־דיקער שעה, אָן אַ קייזער שניט— — — —

און ווען דאָס קינד, וועט אַ צאַפּלדיקס דערזען דאָס ליכט פון דער וועלט, מיט דער הילף פון דער „יונא“־אַקושערקע, ברויכן זיך ערשט צו עפענען די שערי־רחמים.

דעמלט מוזן מיר ערשט מיט דער ריינער אומשולד פון קליינע חדר־יינגלעך זאָגן ,קריאת שמע“ און דעם „המלאך הגואל“ — און, ווי זיי, זיין פריי פונם מינדסטן שמץ פון שנאה איינער צום אַנדערן, אויב מיר ווילן אַז דער בוי אונזערער זאָל זיין אַ „בנין של קיימא“ ;

און — נישט פון קלענערער וויכטיקייט — עס מוז קומען צו אַ שלום בית פון אונזערע 2 פאָלקס־שפּראַכן, יידיש און עברית, אויב מיר ווילן דער־האַלטן די גאַנצקייט פון אונזער פאָלקס־קולטור־ירושה, אַז עס זאָל אויף אַן אמת מקוים ווערן דער „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם — —

## ראַבינדראַנאַטה טאַגאָרע

### גיטאַנזשיאַלי

די דריי קינדער־לידער פון די „אָפּערונג־געזאַנגען“

אַ חנוכה־מתנה פון די קינדערלעך אין די קעמפּס. — איבערזעצט פון

### שמואל ווייטה

* * *

איך ווייס ניט ווי דו זינגסט, מיין מייסטער ! איך הער מיך מיט שטילער באַוואונדערונג צו. דיין ליכט פון מוזיק באַלייכט די וועלט. דער לעבענס־אָטעם פון דיין מוזיק לויפט פון הימל צו הימל, דיין הייליקער מוזיק־שטראָם ברעכט אַלע שטיינערנע הינדערנישן אַדורך, רייסנדיק זיך פאַראויס. מיין האַרץ גאַרט, פאַרבענקט זיך מיט דיר פאַראייניקן אין געזאַנג, שטרענג איך אומזיסט מיין שטימע אָן, איך וואָלט גערעדט, דאָך פּאַסט זיך מיין שפּראַך ניט צום געזאַנג, שריי איך ענטוישט אויס : אָה, דו האָסט אין דער נעץ פון דיין אומענדלעכער מוזיק מיין האַרץ געפאַנגען, מיין מייסטער.

* * *

אויף דעם ים ברעג פון ענדלאָזע וועלטן טרעפן זיך קינדער. דער אונ־באַגרעניצטער הימל הענגט אומבאַוועגלעך איבערן קאָפּ, און דאָס אומרויקע וואַסער איז שטורמיש. אויף דעם ים ברעג פון ענדלאָזע וועלטן טרעפן זיך די קינדער מיט קולות און טענץ.

זיי בויען זיך זייערע הייזער פון זאַמד און זיי שפּילן זיך מיט ליידיקע מושלען, מיט פאַרוועלקטע בלעטער פלעכטן זיי זייערע שיפלעך און לאָזן זיך לאַכענדיק שווימען אויף דער אומגעהויערער טיפקייט. קינדער האָבן זייער שפּיל אויף דעם ים ברעג פון די וועלטן.

זיי ווייסן ניט ווי מ׳וואַרפט אַ נעץ. פּערל־פישער טויכן זיך נאָך פּערל,



סוחרים זעגלען אין שיפן, ווייל קינדער זאַמלען שטיינדלעך און צעשיטן זיי ווידער. זיי זוכן ניט די פאַרבאָרגענע אוצרות, זיי ווייסן ניט ווי מ׳וואַרפט אַ נעץ.

דער ים ברויזט מיט געלעכטער און שוואַך שימערט דאָס לאַכן ביים ים ברעג. טויט טראָגן די כוואַלעס און דערציילן די קינדער מיינונגלאָזע לידער, פונקט ווי אַ מוטער ווען זי פאַרוויגט דאָס קינד אין וויגל.

דער ים שפּילט זיך מיט די קינדער, און שוואַך שימערט דאָס לאַכן אויף דעם ים ברעג.

אויף דעם ים ברעג פון ענדלאָזע וועלטן טרעפן זיך קינדער, דער שטור־רעם וואַנדערט אין די וועגלאָזע הימלען, און שיפן ווערן צעשטערט אין די שפּורלאָזע וואַסערן. דער טויט איז דרויסן, אויף דעם ים ברעג פון ענדלאָזע וועלטן איז דער גרויסער שפּילפּלאַץ פאַר די קינדער.

* * *

דער שלאָף וואָס רוט אויף דעם קינדס אויגן — ווייס דען ווער פון וואַנען עס קומט ? יאָ, עס איז דאָ אַ ווערטל, אַז עס וואוינט אין שרעטעלעך־דאָרף צווישן דעם וואַלד שאָטן באַלויכטן מיט גליה־ווערעמלעך דאָרט הענגן צוויי כישוף־קנאָספּן, פון דאָרט קומט עס צו קושן דעם קינד׳ס אויגן.

דער שמייכל וואָס שפּילט זיך אויף דעם קינדס ליפּעלעך ווען עס שלאָפט. —

ווייס דען ווער פון וואַנען עס איז געבוירן געוואָרן ? יאָ, עס איז דאָ אַ זאָגעניץ אַז אַ יונגער שטראַל פון אַ האַלבער לבנה האָט מיט זיין האַנט באַרירט אַ שווינדענדען האַרבסט־וואָלקן, דאָרט איז דער ערשטער שמייכל געבוירן געוואָרן אין דעם חלום פון אַ טוי־געוואַשענעם מאָרגן — דער שמייכל וואָס שפּילט זיך אויף דעם קינדס ליפּן ווען עס שלאָפט.

די זיסע צאַרטע פרישקייט וואָס בליט אויף דעם קינדס גלידער — ווייס דען ווער, וואו דאָס איז אַזוי לאַנג באַהאַלטן געוועזן ? יאָ, ווען די מוטער איז נאָך אַ יונג מיידל געוועזן, איז עס אין איר האַרץ אַריינגעדרונגען מיט אַ צאַרט שטילן סוד פון ליבע — די זיסע צאַרטע פרישקייט וואָס האָט געבליט אויף דעם קינדס גלידער.

## א. נ. שטענצל

### די מכב״ים

נישט אויסגעהאַקטע פון מירמלשטיין,
אַטלאַס־קעפּ אויף קאָרינטישע זיילן,
איבער זיי שפּילנדיקער אַמאָר,
מיט בויגן און פאַרגיפטיקטע פיילן —

פון די פינסטערנישן פון די בערג,
פון די טיפענישן פון די היילן,
רייסט זיך פעלדז־פאַרוואָרצלטער גראַניט,
מיט אייגענע הענט זיך טעסען און פיילן !

ניט ראַנגלדיקע צירקוס־העלדן,
דאָס פֿאָלק צו פֿאַרשפּילן און פֿאַרווײַלן,
מיט טויזנטער מײַלער לאַכט עס אויף,
זעענדיק אײנס ס׳אַנדערע צעקײַלן;

נישט פֿאַרשוויצטע, פֿאַרשווייסטע לויפֿער,
אין געוועט אויף וויאָרסטן אויף מײַלן,
און אויף שפּיל פֿון נאַקעטע מוסקלען,
מידע בליקן תּאווהדיק פֿערווײַלן —

ס׳איז דער זון־אויפֿגאַנג — דער דיסק פֿאַר זיי,
די אַרענע —די פֿינף וועלט טײלן,
אויף צווייגן־הערנער, הערשן אין לויף,
טראָגן זיי די וועלט אויף שטערן־בײַלן, —

שטיקער גראַניט, פֿעלזיקע, האַרטע,
פֿון שטורעמס געשלײַפֿט מיט שאַרפֿע פֿײַלן,
איבער אויגן־אָדלער געפֿלאַטער,
פֿון טיפֿענישן פֿון פֿינסטערסטע הייִלן.

און געטראָפֿענע, פֿאַרוואונדיקטע,
פֿון אַמאָרס גיפֿטיק געצילטע פֿײַלן,
טרייסלט די ערד, אַ פֿאַרציטערטע,
פֿון זייער „מי כמוך באלים" — — —

און אין זייער בלוטיקער נקמה,
ווען זייערע הענט פֿויסטן זיך אין בײַלן,
זײַנען זיי דער צבאות־טעמפּל,
הימלען אונטערשפּאַרנדיקע זײַלן.

# חנוכה־לאַטקעס
(אַ געטאָ באַלאַדע)

ובשעת הסכנה מניח על שלחנו ודיו (שבת כ"א)

ווי פֿון דער ווינטער־זון דער בלאַסער קילער שײַן,
אַלכסונ׳דיק דערגרייכט קוים ס׳ביישטידל פֿון טיר,
און מען גלויבט גרוים און הויך אויפֿגיין וועט זי ווידער,
ווײַל מען זעט דעם ליכטיקן ווידערשײַן פֿון איר,
פּונקט אַזוי די חנוכה־פֿלעמלעך — „מעוז צור".



אָבער אַז די מנורה — אַ צוגערויבטע,
און אין ייִדישער שטוב ס׳טאָר קיין ליכטל נישט זײַן,
ווי אַזוי דערמאָנען זיך אין די נסים כאָטש,
פֿון אַמאָליקער העלדישקייט אַ בלאַסער שײַן,
און אין אונזער פֿינסטערניש נישט אויסצוגיין.

עס איז פֿינסטער חושך, עס איז דושנע און ענג,
פֿון די קעלט און פֿון הונגער אויסגעדאַרט און שטייף,
וואָס פֿאַר אַן אַנדערער געדאַנק קריכט נאָך אין קאָפּ,
אַז נאָר איינער נעמט אַרום — אַן אייזיקער רייף:
פֿון טאַטן געמאַכט מיסט און פֿון דער מאַמען זייף.

אָבער אַז אין אַ קליין מנורהדיק רערל,
אין אַ צאַנקענדיק קנויטל ווי נאָך אַ מת,
מכבי־גבֿורות מיר האָבן באַהאַלטן,
און דורך טויזנטער יאָרן געטראָגן דעם נס,
טאָ דאָס וואונדער־מעשהלע אַצינד נישט פֿאַרגעס — — —

אַכט קאַרטאָפֿעלעך פֿון מויל האָט זי אָפּגעשפּאָרט,
און פֿון דער ניי־מאַשין אַ פּאָר טראָפּעלעך אייל,
און פֿונם דאַמפּנדיקן פֿאַן־קוכן אויף טיש,
אַ קטורת־אויפֿגייענדיקער ווײַרויך־זייל:
„כי מעולם ועד עולם אתה אל" — — —

עס איז פֿינסטער חושך, עס איז דושנע און ענג,
נאָר דער דאַמפּנדיקער ריח אין עפּעס דערמאַנט —
ליכטיק צינדן זיך די פֿאַרלאָשענע אויגן,
און אויף דער פֿינסטערער, אויף דער גליטשיקער וואַנט:
„מנא, מנא, תקל" פֿאַרשרײַבט אַ פֿײַערדיקע האַנט — — —

אַרום טיש, אויפֿגעציטערטע, ענג זיי זיצן,
און זיי שפּירן ער הייבט זיך, זיי הערן ער ציילט — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

און שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווי דעם אפֿיקומן
אַ שטיקל, אַ שטיקל יעדן איינעם זי טיילט,
זי וואָס האָט די מאַכט קאַרטאָפֿעלעך אָפּגעשיילט.

און ווען זי האָט דערציילט, ווי דאָס ביסעלע אייל,
עס אַהיימצובאַקומען, ווי זי האָט געמאַכט,
ווי אין אַ פֿינגערהוט זי האָט עס געטריפֿלט,
גלײַך אַ חנוכה־לײַכטער מיט רערלעך אַכט —
האָט די חשכות צעהילכט זיך און ליכטיק צעלאַכט.

משה עובד

# בן־אלי* און אַ לייבעלע

(פון דער סעריע איבערלעבענישן)

עס האָט געטראָפן עטלעכע יאָר פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, צוויי טעג פאַר ווייַנאַכטן, ווען ס׳האָט זיך דעמפּינדימען** פאַרגלוסט אָפּצושטעלן אַ וויזיט דעם בריטיש מוזעאום מיט זיין באַגלייטערין אהביאַל, זי וואָס האָט אים דאַמאָלט אינספּירירט און געהאָלפן שרייבן זיין „בוך פון זיווג“.

צו יענער צייט האָט דעמפּינדימע געזאַמעלט מיט דינאַמישן, וואָלקאַנישן ענטוזיאַזם קליינע כינעזישע לייבעלעך פון עלפאַנטביין, און קעניגין מערי פון ענגלאַנד האָט דערפון געוואוסט און באַרייכערט זיין קאָלעקציע, שיקנדיק אים פאַר יעדן ווייַנאַכטן אַ מתנה צו איינס אָדער צו צוויי לייבן, גרעסערע פון די וואָס ער האָט געזאַמעלט. זיינע, זיינען געווען קליינע, געשניצטע פון עלעפאַנטס האַרטן ביין, אירע — גרויסע, געבאַקטע פון ערדס ווייכן ליים.

די לייבעלעך און די לייבן האָבן אויף זיין הומאָר געהאַט אַן אונבאַשרייבאַרע השפּעה, זייער קאָמישער־כעס און קיכעדיקע פּיסקער האָבן פאַר׳שכור׳ט זיין רויטן טינט אין זיין ראָזאַווע־הויטיקן טינטערין, און דאָס האָט במילא געווירקט אויף דעם טעמפּעראַטור און טעמפּעראַמענט פון „בוך פון זיווג“.

און עס האָט פּאַסירט, אַזוי גייענדיק אין מוזעאום מיט זיין באַגלייטערין, פון איין גאַלעריע צו דער צווייטער, דערזען זיי אַ שלאַנק קליין, בלאָ־פּאָרצעלאַן לייבעלע, דריי צאָל די הויך, און זיי זען ווי דאָס לייבעלע רייסט זיך מיט אַלע כחות צו זיי, נאָר קען נעבעך ניט דורכברעכן די גלעזערנע וואַנט צווישן זיי.

זאָגט ער: „איך וויל עס האָבן!“

די באַגלייטערין: „מאַלע וואָס דיר ווילט זיך אַלץ“.

טופּעט ער מיט אַ פוס און זאָגט מיט אַ וויינענדיק קול: „איך מוז עס האָבן! גלויב מיר, ווען ענגלאַנד וואָלט געהאַט שכל, וואָלט זי עס מיר געגעבן, אַזש אַזוי שטאַרק מוז איך עס האָבן“.

די באַגלייטערין: „ווען ענגלאַנד וואָלט יעדן געגעבן וואָס ער מוז האָבן וואָלט גאָרניט געבליבן פאַר ענגלאַנד“.

דער שרייבער: „אָבער זעסט דאָך ווי איך חלש נאָך דעם לייבעלע און ווי עס חלש׳ט נאָך מיר. אַז דו האָסט גאָר קיין אהנונג ווי שטאַרק מיר מוזן זיך האָבן“. און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט דער פּויסט אונטער דער גאָמ־

---

*זע דעם מחבר׳ס „וויזיאָנען און אידעלשטיינער“ זייט 214.

**ראשי תבות פון דעם מחבר פון דער מעשה.



בע ווי ראַדינס „דענקער“, און געפּרעפּלט „איך מוז עס האָבן!“ זאָגט צו אים די באַגלייטערין: „אויב דו מוזט עס אַזוי שטאַרק האָבן, וועסטו עס שוין האָבן. נאָר זיי ניט קיין נאַריש קינד, קום אַוועק!“

דאָס, מוז דער לעזער פון די צײַלן גוט געדענקען, האָט פּאַסירט צוויי טעג פאַר ווייַנאַכטן, עלף אַזייגער אין דער פרי.

אין דעם זעלבן טאָג, אַ זייגער פיר נאָכמיטאָג, קומט אַריין אין דעמפּונדימעס קראָם, דער אָרימער אַלטער ענגליש־יידישער פּעדלער בן־אלי. דעמפּונדימע איז אַ פערטל יאָרהונדערט געווען באַגייסטערט פון בן־אלי׳ן, געפילט אַז בן־אלי האָט אין זיך אַ ניצוץ, אַ פונק פון אליהו־הנביא׳ס פלאַם. און בן־אלי רעדט צו אים מיט אַ דונערדיקער שברים־שטימע און מיט בליצן פון אור־הגנוז אין זיינע אויגן:

— דו דאַרפסט קריגן דעם קעניגלעכן הערב — און רוימט דעמפּונדימען איין שטיל — קויף ניט קיין נייעס. איך וועל דיר שוין קריגן אַן איבערגענוצטן ביליג. — און ער רעדט ווייטער אויפן קול: — דו ווייסט גאָרניט ווי וויכטיק עס ווערט באַטראַכט אין די הימלען דאָס וואָס דער אריה־יהודה און דער בריטישער לייב וועלן ווערן מחותנים. הער! איך בין ביינאַכט פאַרבייגעגאַנגען דעם קעניגלעכן פּאַלאַץ. עס איז געווען אין גאַנצן באַלויכטן, יעדעס פענצטער אַ פּלאַטע גאָלד. — און ער רוימט ווייטער איין:

— דו וועסט נאָך הערן פון דער מלכה פאַר ווייַנאַכטן.

דעמפּינדימע קוקט אים אָן דערשטוינט. זיין בן־אלי, אין וועמען דאָס פייער פון נביאות איז נאָך ניט געווען אין גאַנצן אויסגעלאָשן, ער זאָל פאַרויסזאָגן אַזאַ אונגלויבלעכע זאַך! און ער זאָגט צו אים:

— אונמעגלעך! מיט צוויי טעג צוריק האָט די קעניגין שוין מיר געשיקט איר ווייַנאַכט מתנה, און זי שיקט מיר קיינמאָל ניט צוויי מאָל מתנות פאַר איין ,קריסטמאַס׳.

זאָגט בן־אלי: „גלויב אין וואָס איך זאָג דיר! גלויב! אַ גוטן טאָג דיר“. און ער גייט אַוועק. דאָס האָט פּאַסירט אונגעפער אַ זייגער פיר נאָכמיטאָג. אַ האַלבע שעה גאַלאָפּירט אַוועק און עס שטעלט זיך אָפּ פאַר דער טיר פון געוועלב אַ בריטשקעלע ווי באַגאָסן מיט טינט און אַ פערדעלע ווי באַגאָסן מיט מילך געשפּאַנט אין ווי גאָלד, און אַ שליח פון דער קעניגין שטייגט אויס און ברענגט אַריין אַ פּאַקעטל, און אין פּאַקעטל איז געלעגן אין וואַטע אַ בלאָ לאַכנדיק לייבעלע, נאָך אַ מתנה פון דער מלכה, אויסגעזען ווי אַ צווילינג פון דעם לייבעלע אין בריטישן מוזעאום!

דעמפּונדימע האָט זיך אָן אָרעמס אַרומגעכאַפּט מיטן לייבעלע און אָן ליפּן דערמיט זיך צעקושט.

* * *

און אַזוי האָט זיך בן־אלי נוהג געווען: אַלע פאַר וואָכן פלעגט ער אָפּשטעלן אַ וויזיט דעם שרייבער־קרעמער, און אין אים אַריינשפּריצן אַ טראַנספוזיע פון אַ פרישן גלויבן אין מענטש און אין וועלט, פאַרקויפנדיק אים עט־

לעבע שמאַכטעס אין דער זעלבער צייט.

אויב בן־אלי איז ניט געקומען אַ דריי חדשים, האָט שוין דעמפּונדימע געוואוסט אַז עפּעס אַ סיבה האָט אים געטראָפן, נאָר געשראָקן האָט ער זיך ניט, ווייסנדיק פון ערפאַרונג אַז בן־אלי קען אַלעס איבערלעבן.

און אַזוי אונגעפער איז צוגעגאַנגען דער געשפּרעך:

דעמפּונדימע: „וואָס האָט געטראָפן? איך האָב אייך שוין ניט געזען אַזוי לאַנג".

בן־אלי: „אַ נאַרישקייט! אַ טאַקסי איז מיר איבערגעפאָרן די האַנט און צובראָכן דעם אַקסל־ביין, האָב איך זיך אַביסעלע אויסגערוט אין שפּיטאָל און פיל מיך בעסער ווי אייביק". רעדנדיק האָט ער אויפגעדעקט דעם אָרעם, ווייזנדיק אַ טיפן אויסגעהיילטן שניט.

דעמפּונדימע באַמערקנדיק בן־אלי'ס געזונטע לויטערע הויט האָט ער אויסגעדריקט זיין באַוואונדערונג: „ווי קומט צו אייך אַזאַ ווייסע הויט ווי ביי אַ קינד?"

„אַה!" מאַכט בן־אלי, „איך היט מיין מויל, מיין גאַנץ לעבן־לאַנג ניט געגעבן עס צו עסן קיין אומריינע זאַך".

אָדער בן־אלי פלעגט אַרויפרוקן אַ שמוציקן הויז און ווייזן נאָך אַ לאַנ־גער אַבוועזנהייט:

„זעסט, אַ לאַסט־וואָגן האָט מיר אַ פוס צובראָכן אָבער איך האָב טויזנט לעבנס. אין צוויי וואָכן האָט זיך עס אויסגעהיילט. האַ! האַ! האַ!" און ער האָט געלאַכט מיט אַזאַ לעבנס־פרייד אַז אַ שפּיטאָל מיט צובראָכענע פיס קען מען אויסהיילן מיט אַזאַ געלעכטער.

נאָר געקומען איז דער שרעקלעכער טאָג פון ערב־מלחמה. בן־אלי האָט זיך ניט באַוויזן איבער זעקס חדשים, און ס'האַרץ פון שרייבער האָט גע־פלאַטערט פון שרעק. און — ויהי — עס איז געווען אַ זומער פרימאָרגן, ווען ס'האַרץ פון דער זון האָט אויך געציטערט פאַרן קיום פון מענטש, באַווייזט זיך פלוצלינג בן־אלי, אַזוי ריין געקליידעט איז ער נאָך קיינמאָל נישט גע־ווען! די באָרד אויסגעקעמט ווי ביי אַ שיינעם מתנגדישן ייד, נישט ווי ביי אליהו'ן און ס'האָט נאָך פון אים געשמעקט די ביליקע שפּיטאָל־זייף.

דעמפּונדימע: „וואו זענט איר געווען די גאַנצע צייט?"

בן־אלי מיט שוואַכע אַטאָמאַטישע באַוועגונג פון ליפּן פון מויל און פון אויגן, ווי איינער וואָס האָט פאַרלוירן זיין זכרון: „איך ווייס ניט".

דעמפּונדימע דריקט אים די האַנט און בעט זיך ביי אים:

„דערמאָנט זיך, זאָגט מיר וואו זענט איר געווען אַזוי לאַנג? איך האָב אַזוי געבענקט!"

„געבענקט... געווען... געווען אין שפּיטאָל".

„וואָס האָט געטראָפן?"

„געטראָפן... אַ שטיין אין קאָפּ אַריינגעפאַלן".

„ווען?"



„ווען?... ווען?... אין ערשטן יאָרהונדערט".

ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ גרויס געוויין ביז די אויגן האָבן זיך אים אָנגעצונדן, און געברענט ווי פייער, און אין פייער און אין טרערן איז בן־אלי ענטקומען.

---

# דאַרע טייטלבוים

## צוויי ליבע לידער

.1

גיי ווייס,
אַז דו ביסט אלף־בית
און ליגסט אין יעדן באַנד
וואָס ציטערט אין מיין האַנט.

אין יעדן בוך וואָס כ'עפן
זאָל איך דיך דאָרט טרעפן.
יעדע בלאַט אַ טיר,
אַז דו שטייסט הינטער איר.

פון אַלע זילבן פון אַלע אותיות
ווערן אויגן, פאַרנעפּלטע און גרויסע.
אויף אַלע שורות, אויף אַלע ווערטער
שטייסטו אַ פאַרקלערטער.

ווער האָט זיך געריכט,
אַז זען כ'וועל דיין געזיכט
אין יעדער שויב, אין יעדן גלאָז,
אין יעדן בוים, אין יעדן גראָז.

.2

מיין לעבן — אַן עפּל זאַפטיק זיס,
קום ליבער טו אַ ביס.
ס'איז ניט אייליק, ס'איז ניט האַרט
ס'האָט שוין לאַנג אויף דיר געוואַרט.

ווי אַן אָרימאַן זיין לעצטן שילינג
געהיט כ'האָב צוויט פון יעדן פרילינג,
ס'זאָל דער שטורעם ס'זאָל דער רעגן
ניט פאַרשלינגען מיין פאַרמעגן.

אַלע ווערים כ׳האָב פאַרטריבן,
איז מיין עפּל גאַנץ געבליבן.
קום שוין ליבער, ס׳איז אַ שאָד
אין עפּל וואַרט אַ גאַנצער סאָד.

כ׳בין ניט חוה, — כ׳בין ניט שלאַנג
און עס טוט מיר אַזוי באַנג
וואָס די וועלט איז קיין גן־עדן
און איר צער באַגלייט אונדז ביידן.

נעם מיין עפּל, נעם און בייס,
ביז זיין וועסטו אַ גרויער גרייז
און זאָגן וועסטו קאָנען קיים:
„איי איז דאָס אַן עפּל־בוים״!

## יוסף הלל לעווי

# שמע ישראל

(המשך)

אינצווישן איז אָבער דאָס געטראַמפּל פון די שטיוואַליעס וואָס אַמאָל שטאַרקער געוואָרן און דאָס געבריל פונעם המון אַלץ בייזער און ווילדער, ביז פון אַ שרעקלעכן זעץ — איז די טיר אויפגעבראָכן געוואָרן, און פריץ הינצלע מיט זיין שוואַרצער באַנדע זענען אין שול אַריין.

אַ רגע איז ער אַ פאַרבליפטער שטיין געבליבן, און פשוט ניט געוואָלט זיינע אויגן גלויבן ווען ער זעט דאָ פאַר זיך . . .

מיט צעשויבערטע האָר איז העלגאַ פאַרן ארון קודש געשטאַנען, פון איר פיין, אָוואַלן און טונקל־בלאַסן פנים, האָבן אַרויסגעבליצט צוויי גרויסע שוואַרצע מיט טרויער איבערגעפולטע יידישע אויגן, וועלכע האָבן אים פשוט ווי פאַר׳כשופט . . .

אַ טיפער חשק האָט אים גלייך אַרומגעכאַפּט זי צו אומאַרמען און קושן פאַר אַלע צייטן . . . איר שיינקייט און דאָס אומפאַרהאָפטע טרעפן זי אין שול, האָט אים ווידער זיין בלוט אויפגעבריזט, און ער האָט זיך ניט געקענט דערקלערן וואָס זי טוט דאָ אין שול...

אָבער ער האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט צו פאַסן און אויסגעשריען מיט אַ געמאַכטן ירגזון: „וואָס מאַכסט דו דאָ יודענוייב ?״

העלגאַ האָט געשוויגן . . .

„וואָס האָסט דו היר פאַרלאָרן קאַנאַליע ?״ האָט פריץ הינצלע איבערגע־חזר׳ט זיין פריערדיקע שאלה און פאַר צאָרן זיך כלומרשט געכאַפּט פאַרן רע־וואָלווער . . .

העלגאַ האָט אַ ווײַלע געטראַכט און קאַלט איבערלעגן געענטפערט:
„איך בין צום בעטן געקאָמען הער הינצלע״ . . .



„און צו וועמען ווילסטו דען בעטן ?״ האָט ער זי שפּעטיש געפרעגט און זיך ווייטער מיט זיין רעוואָלווער געשפּילט...

„צום גאָט דער יודן״, האָט העלגאַ אים דרייסט און אָן שרעק געענט־פערט.

„כאַ, כאַ, כאַ! צום גאָט דער יודן וויל דאָס דומע ווייב בעטן״... פאַר־שפּאָר דיר דיין מי, אויב דו ווילסט שוין יאָ טאַקע בעטן, טאָ בעט בעסער צו מיר, ווייל דער ערשטער וועט דיר באַשטימט ווייניקער העלפן ווי דער צוויי־טער...

יאָ — וואו איז דען אייגענטלעך דער סינאַגאָגנדינער, פרוילין העלגאַ ?״

„איך ווייס עס נישט הער הינצלע״...

„דו ליגסט יודנוייב, אַרויס פון דאַנען! אַז ניט וועלן דיך באַלד מיינע לייט אַרויסטראָגן!״ און ער האָט אויסגערופן: „קאַמעראַדן, גרייט צו האַלץ פאַר דער „אויפאָפּפערונג איזאַקס״... גיסט פּעטראָל אין אַלע ווינקלען אַז דאָס פייער פון דער סינאַגאָגע זאָל קענען אומגעשטערט אַרויפשטייגן — צום גאָט דער יודן!״

„אויף באַפעל, הער גאַולייטער!״ און די באַנדע האָט זיך גלייך פאַר דער אַרבעט גענומען: צעבראָכן די שטענדערס, צעשמעטערט דעם עמוד מיטן באַלעמער, און געגאָסן פּעטראָל אין אַלע ווינקלען פון דער סינאַגאָג.

„און יעצט קאַמעראַדען״, האָט הינצלע טריומפירענדיק אויסגערופן:
„אַרויף אין דער וואוינונג פונעם סינאַגאָגענדינער. שלעפט דאָס שווין אַרויס פון זיין פאַרשטעק און קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער מיט אַלע ווערט זאַכן וואָס איר וועט דאָרט נאָר ביי אים געפינען. ווען איר וועט פאַרטיק זיין מיט דער אַרבעט, באַגיסט אויך פון דרויסן מיט פּעטראָל אַלע ווינקלען פון דעם שאַנדהויז און גיט מיר דערנאָך באַשייד. אָבער פאַסט גוט אויף — אין דעם מאָמענט ווען איך וועל האָבן געציילט פון איינס ביז דריי, זאָל אַלעס אין פלאַמען אויפגיין, פאַרשטאַנען ?!״

„אויף בעפעל, הער גאַולייטער, מיר שטייען צום דינסט!״ האָט די קלי־קע געענטפערט מיט צוזאַמענגעשלאָגענע פיס, דעם קאָפּ גראַדהאַלטנדיק און האָבן דערנאָך אַרויסמאַרשירט.

ס׳האָט ניט לאַנג גענומען און די קליקע האָט גערופן: „הער גאַולייטער, דער סינאַגאָגנדינער איסט ניכט דאָ!״

„וואָ־אָס, ער איז ניט דאָ? זוכט אים ווייטער אין נעקסטן הויז, ער מוז געפאַקט ווערן!״

און דעם סטודענט הינצלעס שלאַנגיקער כעס צו די יידן וועלכער האָט אים ניט אויפגעהערט צו נאָגן אַ דאַנק דעם פאַטש וואָס העלגאַ האָט אים אַמאָל געהאַט דערלאַנגט, ווייל ער האָט זיך געוואָלט אויף אַ פרעכן אופן דער־נענטערן צו איר, האָט זיך אַפילו נאָכן פאַרשלעפן פון העלגאַס פאָטער אויך ניט געקאָנט איינשטילן אין אים... נאָר אַזוי ווי אַ געשלאָגענער הונט פון זיין האַרצן אַרויסגעבילט: „העלגאַ, דו ביסט איצט אין מיין געוואַלט. זאָג ווי אַזוי

דו קומסט דאָ אַהער, און וואו דער סינאַגאָגנדינער וואָלף באָרוך איז פאַרשוואונדן געוואָרן, ווייל ווען דו וועסט ניט באַלד קיין ענטפער געבן, וועט די עלענדע בהמה אין דער לופטן פליען !"...

די גאַנצע צייט איז העלגא געשטאַנען ווי אין אַ טיפן קאָשמאַר, נאָר דערזעענדיק די אויפגעבראָכענע שול־טיר, דעם צעשמעטערטן עמוד מיטן בעלעמער, וואָס די ווילדע אַריינגעפּלייצטע חברה האָבן נאָך זיך געלאָזן, איז זי מיט אַ שווידער וואַך געוואָרן. צייטווייליק האָט זי זיך פאַרלוירן און ניט געקענט אונטערשיידן צי איז דאָס אַ שווערער חלום צי די ביטערע ווירקלעכקייט... אירע אויגן האָבן זיך מיט טרערן אָנגעפּולט, איר האַרץ האָט שטום געיאָמערט און מיט אַלע כוחות האָט זי זיך באַצוואונגן און געענטפערט : „איך ווייס עס ניט, הער גאולייטער !"...

„און ווי אַזוי ביסט דו דאָ אַהער געקומען ? ענטפער זאָפאָרט !"

„איך האָב עס אייך דאָך שוין געזאָגט : איך בין צום בעטן געקומען, הער גאולייטער".

„איך גלויב דאָס ניט, ווען דו וועסט מיר ניט גלייך דעם פולן אמת זאָגן וועל איך דיך מיט דיין גאַנצער שול באַלד לאָזן אַזוי ווי אַ ציגאַרעטל אויסרויכערן !"

„דאָס איז דער פולער אמת, הער גאולייטער !"

„פערפלוכטעטע יודין, דו ליגסט !"

„אָבער, הער גאולייטער, איר זעענט דאָך אימער אַזוי העפלעך צו אַ דאַמע"....

„האַלט ס׳מויל, עלענדע יודין !"

העלגא האָט אים לאַנג און אַדורכדרינגנדיק באַקוקט...

„וואָס ווילסט דו דען, העלגא ?" ער איז גאַנץ נאָענט צוגעגאַנגען אַ באַנומענער פון איר בליק, און זי צוריק באַלעקט ווי אַ הונט מיט זיינע ווייך לאַשטשענדיק געוואָרענע אויגן...

„איך ביטע געפעליגסט אום גנאָדע, הער גאולייטער, לאָסן זי גאַטעס האַוז אונבעשעדיקט"... האָט זי פּרובירט דעם מאָמענט אויסצונוצן...

„יאָ, איך ווערדע געפעליג זיין, אָבער נור אונטער איינער באַדינגונג : ווען דו וועסט ווידער גוט מאַכן, וואָס דו אַמאָל פאַרבראָכן !"...

און ער האָט זי בשעת מעשה פעסט פאַרן אָרעם אָנגענומען, זי אַראָפּגעפירט פון די ארון־קודש טרעפּ און געוואָלט אין נעבן חדר אַריינציען...

העלגא האָט זיך געפּרואווט ווערן און געוואָלט צוריקגיין, נאָר ער האָט זי געהאַלטן מיט אַ כלומרשטער צערטלעכקייט וועלכע האָט פאַראַטן גיריקע געוואַלט...

„אָבער פרוילייַן העלגא, דו ברויכסט דאָך קיין אַנגסט ניט האָבן פאַר מיר, איך וויל קיין שום אומרעכטס ניט, איך וויל דיר נור עפּעס וויכטיקעס זאָגן !"...

„ביטע, הער גאולייטער, זאָגט עס דאָ"...



„הער זיך איין העלגא, איך וויל דיך און דיין מוטער באַשיצן, אַז עס זאָל אייך קיין שום שלעכטס נישט געשען ; אָבער דו מוזט גוט זיין צו מיר... וועל איך אַן אַלעם פאַרגעסן"...

זיין פון לאַנג שוין פאַרוואונדעטער סעקסוס האָט ווי אַ גיריקער שלאַנג אויפגעציטערט אין אים, און ער האָט זי לאַשטשענדיק מיט איין לאַפּע פעסט אַרומגענומען און מיט דער אַנדערער געפּרואווט צו פאַרקריכן צו דעם פאַלט פון איר לייכטן קלײדל וואָס האָט זיך אין אירע שויסן אַריינגעשלענגלט אים רייצנדיק...

ער האָט דערשפּירט אין דעם פיבערדיקן ציטער פון איר גוף אַז זי גייט אויסשרייען, און איר צופויער ס׳מויל מיט זיין לאַפּע צוגעהאַלטן.

„אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, וואָס זאָל דאָס באַדייטן, הער גאולייטער ?"

„רואיק העלגא, קיין לאַוט !"...

„אָבער, הער גאולייטער, איר פאַרלאַנגט אַ צו הויכן פּרייז פון מיר, דאָס איז דאָך אונמעגלעך !"...

„כאַ, כאַ, כאַ ! ווען דיר דיין סינאַגאָג איז דיר דאָס ניט ווערט, דאַן טוסט דו מיר מיט אַלע דיינע פערפלוכטע גלויבנסגענאָסן זער לייד !"

העלגאס געמיט האָט שטיל געיאָמערט אין איר : ווער קען אים דען גלויבן ? ער וויל זי נאָר פאַראומרייניקן... און איר געוויסן האָט זי גענומען פייניקן און קוועלן : אַז מען קען ניט באַשיצן איין ריינקייט דערמיט וואָס מען טוט אויף איר חשבון די אַנדערע מטמא זיין... איז וואָס קען זי טאָן ?...

אָבער די חיה האָט קיין רירונג ניט דערפילט, נאָר זיין תאווה איז אין אים נאָך מער צורייצט געוואָרן, ביז ער איז זי ווידער אַמאָל פון הינטן באַפאַלן און אומאַרעמט, זיך ווילד איינגעזויגן מיט זיין צעיוירענעם מויל אין אירע צאַרטע ליפּלעך מיט אַ שמוציקן קוש... און דער קוש האָט אַזוי ווי אַ גיהנומ׳דיקער פייער אַ ברי געטאָן איר נשמה...

העלגא האָט דערפילט אַז עפּעס פּחדימ׳דיקס וויל מיט איר געשען... אָבער מורא האָבנדיק פאַר דער נקמה, וואָס האָט אין אים געגליט אָן איר צו נעמען, האָט זי אים זיס אין די אויערן אַריינגעפּליסטערט : „מיין ליבער, ליבער, הער גאולייטער !"... און גענומען צערטלעך לאַשטשען זיין מנובלדיקן פּרצוף.

ווי אַן אומגלויבלעכע פאַנטאַסטישע מוזיק האָבן אירע ווערטער געקלונגען און זיין בלוט פאַרשכורט... ער איז געוואָרן שוואַך פאַר תאווה און אַנגסט אַז זיינע קאָלעגן זאָלן זיך גאָרניט מערקן... און געזוכט אויף כלערליי אופנים פּטור צו ווערן פון דעם שווערן פיזישן דרוק, וואָס האָט אים געפייניקט אין דער טיף פון זיין בלוט און געגאַרט נאָך באַפרידיקונג...

ווייסנדיק אָבער אַז זיינע קאַמעראַדן זענען אין דרויסן, — האָט ער געזוכט אויף פאַרשיידענע ביטרע אופנים צו שטילן זיין באַגער...

און אַז ס׳איז איר ווידער געלונגען זיך אָפּצוּווערן, איז ער זי נאָכאַמאָל ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה באַפאַלן און אָנגעהויבן אַזוי ווילד צו פרעסן אירע

מיידליש־צאַרטע ברוסטן אין זיינע גראָבע לאַפּעס, אַז זי האָט פאַר ווייטיק
שיער דעם אָטעם פאַרלוירן...

„אַלמעכטיקער גאָט אין הימל, לאָזט מיך אויס!“ האָט זי קראַמפּהאַפּט
זיך ביי אים געבעטן, „אָדער איך וועל מוזן שרייען: אַז איר ווילט מיך פאַר־
גוואַלטיקן, און אייערע אייגענע קאַמעראַדן נאָך הילף רופן. איך וועל אַזוי
לאַנג שרייען ראַסנשאַנד! ביז יעדער וועט זיך דערוויסן אַז דער הער גאַוליי־
טער פּריץ הינצלע האָט געוואָלט זיין ריין אַרישעס בלוט מיט אַ יידינס פאַר־
אומרייניקן“...

„איך, דיך, פאַראומרייניקן? — יודנהורע! — האָבן זיינע ציינער
שטשירענדיק די הייזעריקע ווערטער פאַרביסן, און זיינע אויגן זיינען געוואָרן
איבערגעלאָפן מיט בלוט, מחמת ער האָט זיך דערפילט נאָך איר לעצטער
וואָרנונג, ווי אַ מאוס אָפּגעשפּיגענער און נאָך מער באַליידיקטער ווי פריער...
ביז ער האָט אויפגעהויבן זיין פון בייסיקן צאָרן צעגויפגעבאַלטע פויסט און
איר דערלאַנגט אַ האַרטן זעץ אין איר פּנים אַריין, און ווען ער האָט דערזען
איר בלוט, איז ער ערשט אין אַ פרישן ליידנשאַפטלעכן עקסטאַז אַריין, זי גע־
כאַפּט און צוגעדרקט צו זיך מורמלענדיק: „זאָ, זאָ, העלגאַ... איך — ליבע
— דיך“... און פאַרגלאָצנדיק זיינע אויגן ביז צו באַוואוסטלאָזיקייט אויפגע־
שוידערט...

העלגאַ האָט אויף אים געקוקט מיט אַ פאַרוואונדערונג, וועלכע איז גע־
ווען אויסגעמישט מיט טיפן עקל און אַנגסטיקער פאַראַכטונג... אָבער דער־
זענדיק אים אַזוי שפּלדיק פאַרקרומט פאַר זיך, האָט זי מיט אַ כיון נאָך
אַמאָל איבערגעחזרט אירע פריערדיקע רייד: „ליבער, ליבער הער גאַוליי־
טער! אָ, ביטע אום גנאַדע“...

איר בקשה האָט אים ווי אַ אייזיקער צעבער וואַסער אָנגעצוואָגן. ער האָט
זיך אַ כאַפּ אויף געטאָן, אויסגעניכטערט, צערעכט געמאַכט זיין מונדיר,
שטראַם אוסגעגלייכט זיינע גלידער, און דאַן דערלייכטערט האַלב טריומפירנ־
דיק אויסגערופן: „און יעצט יודנהורע, ברויך איך דיך נישט מער! יעצט
קאָנסטו גיין צום טייפל — אָדער צו דיין אַלמעכטיקן פאָטער אין הימל גיין!
און איך וואָרן דיך צום לעצטן מאָל, פּאַס גוט אויף: איך וועל ציילן ביז
דריי... אַז דו וועסט ביז דאַן פון שול ניט האָבן אַרויסגעגאַנגען, וועל איך דיך
צוזאַמען מיט דער פאַרפלוכטעטער בודע פאַרברענען!“...

(שלום פון די דערציילונג קומענדיקן חודש)

*READ* the ZIONIST REVIEW
*for Reliable Information on Palestine*
4d. per copy  £1. 1. per annum.
75 Great Russell Street. W.C.1



א. מ. קייזער

# מיניסטער געצל און זיין שפּענצער

(פון דזשעק דעם קאַטערס מעשיות)

...האָט איר, הייסט עס, „דזשעק דעם קאַטער“ אַריינגעכמאַליעט אין
פייפער, אים באַשריבן ווי סקער צו זיין אויף אַלע זייטן. איר מיינט אַז כ'האָב
עס באַדאַרפט? אַ נעכטיקער טאָג! איך דאַרף נישט קיין פּובליסיטי. נאָר
ווי זאָגט מיינע זאָל געזונט זיין: זאָל עס די לאַנדסלייט אַביסל קרענקן, זאָלן
זיי פּלאַצן. און איצט זענט איר דאָך אוודאי טשיקאַווע צו הערן פון מיר נאָך
מעשיות פון מיינע וואַזשנע קאַסטאָמערס, וועל איך אייך טאַקע דערציילן,
נאָר צעליינגן עס אויף טעלערלעך, באַשרייבן עס אויף די בלעטער, איז נישט
כדאי. איבעריקנס, טוט ווי איר ווילט. שלאָגן זיך מיט אייך וועל איך נישט.

זינט איר האָט מיר לעצטנס געזען — איז, ווער מיינט איר, איז צו מיר
אַריינגעשפּאַנט? אנו, טרעפט? — דער נייער קוילן־מיניסטער, וואָס האָט
פאַרנומען שינוועלס בענקל — נ ע צ ק ל, ביי מיר הייסט ער פּשוט:
געצל; אַ געצל ווי אַלע געצלס פון דער לייבער־פּאַרטי. ווער ער איז אַזוינס
—וויים איך נישט. כ'האָב פון אים קיינמאָל נישט געהערט, און דאָס וואָס
כ'האָב געהערט, איז אויך נישט אַזוי אי־אַי־אַי. אַז ער האָט איבערגענומען
דאָס קאַלטע געשעפט זיינס, די קוילן, האָט ער אָוועקגעליינגט אַזאַ דרשה,
אַז מע האָט אים אַליין געדאַרפט לייגן אויף די קוילן. ער האָט אונז געגעבן
אַ לעקציע ווי אַזוי מיר זאָלן שפּאָרן קוילן, מאַכן עקאָנאָמיע. וואָס־זשע
הייסט ביי אים עקאָנאָמיע? מיר זאָלן זיך וואָס ווייניקער באָדן, ווייל ווער
זעט דען, זאָגט ער, וואָס ס'טוט זיך אונטערן העמד? ער אַליין, האָט ער
אונז אַנטדעקט אַ סוד, באָדט זיך אויך נישט צופיל, און פונדעסטוועגן, זעט
איר, איז ער ברוך־השם אַ ענגלישער מיניסטער.

אַז איך האָב אויסגעהערט די דרשה זיינע, האָב איך צו זיך געזאָגט,
אַז מיר דאַרפן דאַנקן און לויבן יאָשקען דעם טויבן, וואָס אונזער געצל, אונ־
זער שינוועל, האָט נישט גענומען איינפירן. אַזאַ מין עקאָנאָמיע, ווייל וואָלט
שינוועל געהאַלטן אַזאַ באָד־דרשה וואָלט זיך געטון אויף טיש און אויף בענק.
„דער פאַרסאַרכעטער ייד, וואָלטן די אַנטיסעמיטן געשריגן, ווייל אונז פאַר־
סאַרכענען דאָס לאַנד“. נאָר אַז אַ גויאישער געצל זאָגט: „רבותי, לאָמיר זיך
קראַצן!“.... איז קראַצט מען זיך און אַלץ איז כשר־וישר. אי, אַז מיר וועלן
נישט גיין אין מרחץ אַריין וועלן מיר דאָך אונטערשמעקן, און אַ „היגן“
וועט מען דערשפּירן אויף אַ מייל פונדערווייט? איז אדרבא, וועלן מיר האָבן
אונזער נאַציאָנאַלן דוך, אונזער ענגלישן ריח...

איז, אַז כ'האָב ביי זיך דערזען דעם שמעקעדיקן מיניסטער אונזערן,
האָב איך איבער אים געמאַכט „בורא מיני בשמים“, און האָב אים אַנטקעגן
געטראָגן דעם שיינעם שלום־עליכם:

— שלום־עליכם אייך, מיניסטער געצל. ס'זאָל ביי אייך כסדר ברענען און ברענען, ברענען אָן אַ אויפהער און איך זאָל זיך פאַרשפּאָרן קראַצן.

צוקט ער מיט די פּלייצעס. ער כאַפּט זיך אפנים נישט וואָס איך מיין. זאָג איך:

— וואָס פאַרשטייט איר דאָ נישט, מיסטער געצל? אַז ביי אייך אין געשעפט וועט ברענען, וועט ביי מיר אויך ברענען, און אַז ביי מיר וועט ברענען, וועל איך האָבן הייסע וואַסער, און אַז איך וועל האָבן הייסע וואַסער, וועל איך קאָנען מאַכן אָפטע וואַנעס און זיך אויפהערן קראַצן.

— איר האָט — צעלאַכט ער זיך — מסתמא געהערט מיין ספּיטש. ס'רודערט זיך מיט אים אין גאַס, האַ?

— אוודאי — זאָג איך — רודערט זיך... דער עולם קראַצט זיך גאַנץ באַלעבאַטיש.

— ע, ס'איז נישט — מאַכט ער — אַזוי געפערלעך. טשערטשיל האָט פונעם ביסל בייסעניש געמאַכט אַ גאַנצן צימעס. ווען ער וואָלט געווען אין זאָטל, וואָלטן מיר זיך, מיינט איר, נישט געקראַצט? איי, וואָלטן מיר זיך געקראַצט!

— הייסט עס — זאָג איך — אַז ביי טשערטשילן וואָלטן מיר זיך געקראַצט אויף רעכטס און ביי עטלין קראַצן מיר זיך אויף לינקס, אָבער בייסן בייסן אונז ביידע.

— וועל — זאָגט ער. — מע האָט מיר געזאָגט, אַז מיט „דזשעק דעם קאַטער" זאָל איך נישט האָבן קיין אַרגומענטס, ווייל ער קאָן דיר אינגאַנצן אַזוי צעטרימען, פאַרסטריגעווען און פּיקסן, אַז דו וועסט זיך אַליין נישט דערקענען. נאָר געקומען בין איך גאָר אייגנטלעך וועגן עפּעס אַנדערש; איך וויל אַז דו זאָלסט מיר פּיקסן אָט דעם־אָ שפּענצער.

און ער צעפּאַקעוועט פון אַ פּאַפּיר, אַ אַלטן וואַטאָוון שפּענצער, קענטיק עפּעס אַן אַנטיק, פון די אמתע אַנטיקן. דעם שפּענצער, וויל ער, זאָל איך איבעראַרבעטן אויף זיין מאָס, פאַרריכטן, פאַרלאַטעווען, צונייען קנעפּלעך, און דער עיקר — ער זאָל זיין פאַרטיק אין אַ וואָך אַרום, מחמת ער וויל דעם שפּענצער טראָגן אויף דער התונה ביים קעניג.

מילא, אָט די אַלע זיבן זאַכן וואָס ער וויל איך זאָל אים, דעם שפּענצער הייסט עס, מאַכן, איז פאַר מיר נישט קיין וואַזשנע מעשה, ס'איז טשעפּוכאַ — כ'בין דאָך עפּעס „דזשעק דער קאַטער"! נאָר די צרה איז: ווי אַזוי קאָן מען זיך צו דעם שפּענצער צו־רירן, ווייל, איר זאָלט מיר מוחל זיין, ס'הערט זיך פון אים אַזוי, אַז מע קאָן אין זיינע דלד אמות נישט שטיין....

פון וועלכער כאַלעריע, טראַכט איך זיך, איז דער־אָ שפּענצער? און איך גיב אים אַ פרעג:

— ווי אַלט איז ער, דער־אָ בחור?

— אָ־אָ — מאַכט ער מיט התפּעלות — דער־אָ שפּענצער איז עלטער פון אונז ביידן.



און ער נעמט מיר לייענען די מגילה פונעם שפּענצער: ויהי בימי קאַטערינע די צווייטע. האָט זי איינע פון אירע ספּודניצעס געלאָזט בירושה דעם הויף־מיניסטער אירן. האָט דער הויף־מיניסטער זיך געמאַכט פון דער ספּודניצע — אַ שפּענצער. איז דער שפּענצער איבערגעגאַנגען פון יורש צו יורש, פון מלוכה צו מלוכה און פון לאַנד צו לאַנד. אויסגעוואַלגערט זיך אַ וועלט, דורכגעגאַנגען מלחמות און רעוואָלוציעס, געלעגן אין די טרענטשעס, געגאַנגען אויף די באַריקאַדן ביז ער איז אָנגעקומען קיין ענגלאַנד און מיסטער געצל איז געוואָרן זיין יורש. ווען ער, דער שפּענצער, וואָלט גראָטן געווען אין בלעמ'ס אייזל און געעפנט ס'מויל, וואָלט ער געהאַט צו דערציילן נסים ונפלאות; וואו ער האָט אַלץ אָנגעשפּאַרט און וועמען ער האָט אַלץ געוואַרעמט. הכלל, דער שפּענצער איז איינגעטונקען אין יחוס, אין בוימל און אין וואָס אַלץ נישט. ס'איז אַ שפּענצער־שבשפּענצער, אַ חברה־מאַן, וואָס אפילו מיט אַ פאַרמאַכט מויל רעדט ער דיבורים, גיט לשון....

— איך וואָלט אייך — זאָג איך — גערן געפּיקסט אייער יחוסדיקן שפּענצער, נאָר כ'האָב מורא, אַז איר וועט אים אָנטון וועט איר ביי זיך ווערן אַ גדלן, אַ בעל־גאווה, און איך קאָן נישט סובל זיין די פּוסטע בעלי־גאווהניקעס, די אָנגעבלאָזענע אינדיקעס.

— איך, גיט ער זיך אַ כאַפּ — בין אַ בעל־גאווה? אויב אַזוי, קאָנט איר מיך נישט. כ'זאָל אפילו אָנטון אַ קרוין אויפן קאָפּ, בלייב איך אויך דערזעלביקער געצל.

— איך קאָן אייך — זאָג איך — פאַרזיכערן, אַז ווי נאָר איר וועט אָנטון דעם אָ שפּענצער, מוזט איר ווערן אַ גאַדלניק און גיין מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ, ווייל קיין אַנדערע ברירה האָט איר נישט.

שטעלט ער אויף מיר אָן אַ פּאָר אויגן גלייך ווי איך רעדט פּדרוך־לשון און פרעגט: „ווהאַי?" ס'הייסט, פאַרוואָס עפּעס? זאָג איך:

— כ'וועל אייך דערציילן אַ מעשה וועט איר וויסן „ווהאַי": געווען איז ביי אונז אַ ייד אַ נגיד נאָר אַ קמצן. ער איז געווען אַזוי קאַרג, אַז כדי צו וויסן ווי שפּעט ס'איז פלעגט ער גיין קוקן אויפן שטאָט־זייגער און נישט אויף זיין אייגן זייגערל, ווייל ער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער אָפּנוצן זיין ציפערבלעטל... און אַז ער האָט געהערט, אַז מע גייט נאָך אַ נדבה, האָט ער זיך באַהאַלטן — אָפּטמאָל אפילו נישט אין קיין שיין מקום.... העלפט גאָט און ער מאַכט אַ שטאַרב, און אַז אַ מענטש שטאַרבט, מעג ער אפילו זיין דער קמצן שבקמצנים, דאַרף מען אים באַגראָבן. מאַכט מען דעם קמצן אַ לויה, גייט נאָך אַן עולם. וויינען וויינט מען נישט. אויף וועמען זאָל מען וויינען? ווער האָט פון אים געהאַט? אפילו דער זון זיינער (נישט קיין איבעריקער חכם!) וויינט אויך נישט. ס'איז אַ פריילעכע לויה. ערשט, אַז מע האָט דעם מת געבראַכט אויפן בית־הקברות און מע האָט גענומען קלאַפּן מיט די „צדקה תציל ממות"־פּושקעס, האָט זיך דער זון רעכט צעוויינט. פרעגט מען ביי אים: „פאַרוואָס פונקט איצט האָסטו זיך אַזוי צעוויינט?"

— „ווייל איצט, האָט דער הכמדיקער זון זיך צעקלאָגט, זע איך אַז מיין טאַטע לעבט שוין נישט; אַז מע קלאַפּט מיט די צדקה־פּושקעס און ער באַ־האַלט זיך נישט, איז ער טאַקע אויף אַן אמת טויט, וויי׳זמיר!“. אַזאַ טאַטן האָט ער געהאַט. אויף צומאָרגנס נאָך שבעה, ערשט דער „קדיש“ זיינער גייט אַרום אין גאַס מיט אַ פּאַרריסענער נאָז צום הימל גלייך ווי עפּעס רעכטס; די צוויי גראָבע פינגער זיינע אַריינגערוקט אין די אָרעם־לעכער פון זיין זשילעט — מעשה וואוילער־יונג. און שפּאַנט מיט אַזאַ גאוה, אַז מע קאָן גאָר מיט אים נישט רעדן. פרעגט מען דאָך אים: „נו, אַז מע נעמט שוין אָפּ אַ ירושה, דאַרף מען ביי זיך זיין אַזאַ פּריץ?“ וואָסזשע, מיינט איר, ענטפערט ער? „ווען איר, זאָגט ער, וואָלט זיך געמאַכט פון מיין טאַטנס הויזן אַ שפּענצער, וואָלט איר אויך אַרומגעגאַנגען מיט דער נאָז אַרויף“. . . .

צעלאַכט זיך מיין מיסטער געצל. ס׳איז, זאָגט ער, אַ „פאַני־סטאָרי“, אַ טשודנע מעשה, הייסט עס, נאָר וואָס, פרעגט ער, האָט עס צו טון מיט זיין שפּענצער? היינט, וואָס זאָל איך אים ענטפערן? זאָגן אים דעם רעכטן אמת קאָן איך נאָך, חלילה, באַליידיקן דעם הייליקן שפּענצער זיינעם. זאָג איך אים:

— כ׳האָב פּשוט נישט קיין צייט צו פאַרענדיקן דעם שפּענצער אויף דער חתונה. נאָר כ׳האָב פאַר אייך אַ בעסערן אויפטו: כ׳וועל אייך אויס־באָרגן אַ „איוונינג־סוט“ מיט אַ ווייסע וועסט, כמו שנאמר, ווי מע טראָגט ביי אונז אויף נגידישע חתונות. איר מיינט טאַקע, מיסטער געצל, אַז די אָנגעקראָכמאַליעטע העמדער, די „טעיל־קאוטס“, און די צילינדערס, וואָס אונזערע „סמאַרט גאַיס“, די פראַנטן, טראָגן אויף די חתונות, זענען אויף זייער מיסט געוואַקסן? ס׳איז, הערט איר, אַלץ געבאָרגטס? ווען איך האָב אַזויפיל זעק־קוילן וויפיל חתונה־סוטן איך האָב שוין אויסגעליען, וואָלט איך שוין איצט געווען קוילן־מיניסטער. אַלע באָרגן זיך ביי מיר, און אויף צו־מאָרגנס נאָך דער חתונה ברענגען זיי מיר מיין סחורה צוריק; אַ טייל ברענ־גען אָפּ די בגדים אַזוי ריין ווי זיי האָבן זיי גענומען, און אַנדערע, במחילה חזירים, פראַוועון אַ סעודה אויפן אַנצוג, שיכורן זיך אָן, און — איר זאָלט מיר מוחל זיין, טון אויף אים מייקענען. . . .

הכלל, וואָס טויגן אייך לאַנגע מעשיות? דער מיסטער געצל האָט זיך ביי מיר אָנגעמאָסטן אַ חתונה־סוטל; אַ טעיל־קאוט מיט צוויי פליגלען, מיט צוויי עקן, הייסט עס, און האָט זיך דערמיט שטאַרק דערפרייט, און איך האָב זיך אויך דערפרייט, ווייל איך ווער פּטור פונעם היסטאָרישן שפּענצער, פון וועמען איך האָב שוין, גאָט־צו־דאַנקען, אַ קאַטאַר. ס׳איז ביי אונז, הערט איר, געווען קול ששון וקול שמחה. מיר האָבן זיך צעזעגנט און כ׳בין מיר מיט מיין קאַטאַר פרי אַוועק אַהיים.

נאָר דאָ ענדיקט זיך נאָך נישט די מעשה.

אויף צומאָרגנס, איך קום אין געשעפט אַריין, ערשט ס׳איז אַ גאַנצע סומעטאָכע; מע צעגראָבט ביי מיר דעם טראָטואַר, מע צעאַקערט מיין שטיקל גאַס און מע שלעפּט רערן פון אונטער דער ערד. די קאַנאַליזאַציע, הייסט



עס, איז ביי מיר נישט אין אָרדנונג. ווי אַזוי איז עס פלוצלונג געשען? די אַרבעטער מיינע, דערציילט מען מיר, קומענדיק אין דער פרי אין שאָפּ אַריין, איז באַלד ווי זיי האָבן געעפנט די טיר, האָט זיי אַ פאַרדומפּענע מיתה־משונהדיקע לופט געגעבן אַזאַ זעץ אין פּנים, אַז זיי זענען שיער נישט פאַריטש־מעליעט געוואָרן. האָבן זיי גלייך געמאָלדן דעם סאַניטאַר־אינספּעקטאָר, אַז די „דרעינס“ זענען ביי מיר קאַליע און מע קאָן ביי מיר אין שאָפּ באַקומען די אמתע כאָלעריע. האָט דער אינספּעקטאָר באַלד אַראָפּגעשיקט אַ גאַנצן מנין שאָסיי־אַרבעטער און מע האָט זיך גאַנץ געשמאַק גענומען צו דער עבודה. גאַנצע צוויי טעג האָט מען אַזוי געגראָבן און געגישטערט און ענדלעך האָט מען געפינען, אַז די דרעינס זענען גאַנץ און די קאַנאַליזאַציע — ווער מיר גוטס גינט. אַ, וואָס־זשע אָווערט עס אַזוי? אַז מען האָט גענומען זוכן ביי מיר אין שאָפּ האָט מען עס אויסגעפונען. ס׳איז אַ קלייניקייט: דער נעכטיקער קאַסטאָמער מיינער, דער מיסטער געצל, האָט פאַרגעסן מיטצונעמען דעם שפּענצער זיינעם, און איבערנאַכט האָט ער זיך ערשט רעכט צושפּילט...

פאַרענגלישטע ווערטער:—קאַטער — צושניידער. פּייפּער — צייטונג. פּובליסיטי — רעקלאַמע. קאַסטאָמער — קונד. לייבער־פּאַרטי — אַרבעטער־פּאַרטיי. ספּיטש — רעדע. אַרגומענטס — ויכוחים. צעטרימען — צעטרענען. פּיקסן — צער־ריכט מאַכן. איוונינג־סוט — באַל־פראַק. וועסט — זשילעט. טעיל־קאוט — פראַק מיט אַ שפּאַלט. סוט — אַנצוג. דרעינס — קאַנאַליזאַציע־רערן. שאָפּ — קראָם.

By Appointment
Dealer in Antiques to
H.M. QUEEN MARY

CAMEO CORNER

(Proprietor: Mosheh Oved)
are
Buyers and Sellers
of
Interesting Old Jewels

26 MUSEUM STREET,
LONDON, W.C.1.
MUSeum 0401.

„די צייט“

געגרינדעט אין 1913 פון
מאָרריס מייער

די איינציקע יידישע צייטונג
אין ענגלאַנד.
(בשעת דער מלחמה —
די איינציקע אין אייראָפּע.)

לעאָ קעניג

## דאָס רוסישע ייִדנטום און אונזער קולטור איבערבוי

נור פיר גרויסע ייִדישע צענטרן זײַנען אַרויס מער װעניקער גאַנץ פון דער צווייטער וועלט מלחמה, וועלכע איז שיער ניט געוואָרן פאַטאַל פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק.

און די פיר זײַנען אין אַמעריקע, ענגלאַנד (ווען מיר רעדן פון ענגלאַנד ווערן כולל די ייִדישע ישובים אין די בריטישע דאָמיניאָנס, פונקט ווי די קלענערע ייִדישע קהלות אין זיד אַמעריקע ווען מיר רעדן פון די פאַראייניקטע שטאַטן), פאַלעסטינע און רוסלאַנד. פון די פיר זײַנען די ייִדישע צענטרן אין אַמעריקאַ און רוסלאַנד איצט די איינפלוסרייכסטע און אין צאָל די גרעסטע. אין אַמעריקאַ און רוסלאַנד זײַנען איצט אויך די גרעסטע און אַקטיווסטע ייִדישע ליטעראַרישע און קולטור צענטרן. אין די צוויי גרויסע צענטרן הויפּטזעכלעך ווערן פאָרטגעזעצט אָדער דאַרפן פאָרטגעזעצט ווערן די ייִדישע וועלטלעכע קולטור אַרבעט און דאָס ליטעראַרישע שאַפן וואָס איז אויפגעקומען אין דעם לעצטן יאָרהונדערט אינם פאַר רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד און אין די אַנדערע מזרח אייראָפּעאישע צענטרן.

דער ישוב אין א״י, הגם ער איז אין זײַן רוב מבין ובנין און אין זײַן מהות מזרח־אייראָפּעאיש, און איז איצט דער אַוואַנגאַרד, קען מען זאָגן, און דער קלימאַקס פון אונזער וועלטלעכן נאַציאָנאַליזם און פאָלקיזם, לעבט איצט איבער זײַן „גרויסע שעה״ און קען זיך איצט ניט אינטערעסירן מיט די פּראָבלעמען פון דער דיאַספּאָראַ, וועלכע וועלן עקזיסטירן אַפילו נאָך דעם ווי די ייִדישע מלוכה וועט ווערן גרויסע און לעבעדיקע ווירקלעכקייט.

און דאָס ענגלישע ייִדנטום מוז זיך ווי אַלע קלענערע ייִדישע ישובים אַלץ מער און מער אַסימילירן אָדער אָריענטירן אויף די צוויי גרויסע צענטרן, הגם אַלס אַ פּאָליטיש איינפלוסרייכע קהלה האָט זי אַזוי פיל ביגעטראָגן צו דעם אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים.

קען מען דעריבער זאָגן אַז דאָס רוסישע און אַמעריקאַנער ייִדנטום זײַנען איצט דאָס דיאַספּאָראַ ייִדנטום. און ווען מיר רעדן איצט פונם ייִדישן פאָלק זען מיר הויפּטזעכלעך אָט די צוויי גרעסטע ייִדישע קהלות.

דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז, פאַרשטייט זיך, איצט דאָס רייכסטע און מעכטיקסטע. דאָס רוסישע ייִדנטום איז נים געווען אַזוי „גליקלעך״ ווי דאָס אַמעריקאַנער, ענגלישע און פּאַלעסטינער, וועלכע האָבן ניט געוואוסט דעם סם המות׳דיקן טעם פון אַ נאַצי אָקופּאַציע; דאָס רוסישע ייִדנטום האָט איבערגעלעבט אַ טיילווייזע נאַצי אָקופּאַציע מיט געטאָס און מאַס מאָרדן אין וועלכע עס זײַנען אומגעקומען הונדערטער טויזנטער ייִדישע זקנים, פרויען און קינדער . . . און אין דער צייט ווען דאָס אַמעריקאַנער ייִדנטום איז מעגלעך צאָל און איינפלוס רייכער געוואָרן בשעת דער קריג איז דאָס רוסישע



ייִדנטום אָפּגעגאַנגען מיט בלוט; אָבער דאָס זיגרייכע רוסישע ייִדנטום, הערן מיר, בויט זיך איצט איבער, קומט צוריק צו די כוחות . . .

און ווען מיר רעדן אַלע אַצינד פון היילן וואונדן, און צוריקבויען אונזער פאָלק וואָס האָט אַ דריט־חלק פאַרלוירן אין דער קריג, מוזן מיר נאַטירלעך איצט קלערן פון די צוויי גרעסטע ייִדישע קהלות וואָס זײַנען געבליבן נאָך דעם חורבן פונם מזרח אייראָפּעאישן ייִדנטום.

---

אָבער ווי אַזוי קען מען דערוואַרטן אַז דאָס רוסישע ייִדנטום זאָל אַנטייל נעמען אין דער צוריקשטעלונג פון אונזער פאָלק? — הערן מיר לעצטנס אָפּט פרעגן — לעבן זיי ניט אונטער אַ „אײַזערנעם פאָרהאַנג״? האָבן זיי פון זינט דער רעוואָלוציע אַנטייל גענומען אין כלל ישראל פּראָבלעמען? און הערשט ניט אַ מיינונג צווישן מאַנכע פון אונזערע נאַציאָנאַליסטן אַז די רוסישע ייִדן זײַנען געוואָרן „אויס ייִדן״ ווי נור זיי זײַנען געוואָרן גוטע סאָוויעטישע בירגער.

ווען ס׳האַנדעלט זיך וועגן דער פראַגע פונם קיום פון אונזער פאָלק (אינם בוכשטעבלעכן זין פונם וואָרט) זײַנען די פּראָבלעמען פון „גוטער אָדער שלעכטער ייִדישקייט״ אַ שפּאָר ביסל צו פּראָבלעמאַטיש אַקאַדעמיש און „ברומו של עולם׳דיק״. כאָטש עס וואָלט געווען אַזוי שווער צו פאַרענטפערן די פראַגן, ווען אונזערע אַלטע און נײַע אַפּיטראָפּסים פון יהדות וואָלטן אונז געקענט געבן אַ מער ווייניקער קלאָרע דעפיניציע „וואָס איז אַזוינס ייִדישקייט״. נאָר אַזוי ווי ס׳איז כמעט אוממעגלעך צו דעפינירן אַ וועלטלעך ייִדישקייט, פונקט ווי ס׳איז אוממעגלעך צו דעפינירן וואָס איז אַזוינס אַקוראַט „טהע אַמעריקען ווײַ אָף לײַף״ אָדער דעם ענגלישן „ווײַ אָף לײַף״ פון וועלכע עס ווערט לעצטנס אַזוי פיל גערעדט, קען איך בשום אופן ניט אײַנזען, ווי שטאַרק איך וואָלט עס ניט געוואָלט, מיט וואָס דער האַלב אַסימילירטער ענגלישער אָדער אַמעריקאַנער ייִד איז אַ „בעסערער ייִד״ ווי דער סאָוויעטיש־ייִדישער בירגער.

נאַציאָנאַלע קולטור איז ניט סטאַטיש; ערשט מיט אַ פּאָר דורות צוריק האָט דאָס אָרטאָדאָקסישע ייִדנטום און „דער ייִד פון אַ גאַנץ יאָר״ געקוקט אויפן ציוניזם ווי אויף אַ אַפּיקורסישע, רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג וואָס זוכט מאַכן אַ סוף צו ייִדישקייט, און היינט ווערן דר. הערצל, אחד העם און אַנדערע ציוניסטישע דענקער און פּאָליטישע פירער באַטראַכט ווי גרויסע נאַציאָנאַלע פיגורן. די פּיאָנערן פונם מאָדערנעם העברעאיש מיט בן יהודה׳ן בראש, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פאַרוואַנדלען דעם לשון קודש אין אַ לעבעדיקער, טאָגטעגלעכער שפּראַך זײַנען פון אונזער אָרטאָדאָקסישן כלל באַטראַכט געוואָרן ווי געפערלעכע אַפּיקורסים וואָס פאַרשוועכן די הייליקע שפּראַך פון דער תורה און זײַנען און זײַנען שיער ניט אין חרם אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן — און היינט רעדן שוין רבנים אויך אין דער וואָכן העברעאיש. און ווער ווייסט עס ניט אַז דער רמב״ם אַליין — די שטאַרקסטע זײַל פון יהדות — איז בשעתו פון מאַנכע רבנים באַטראַכט געוואָרן ווי אַ געפערלעכער אַפּיקורס וואָס זײַנע

ספרים דאַרפן פאַרברענט ווערן.

און אַזעלכע ביישפילן פון דער נאָענטער און ווייטער פאַרגאַנגענהייט קען מען ברענגען לרוב און ניט נור פון אונזער קולטור געשיכטע נור אויך פון דער געשיכטע פון אַלע נאַציאָנאַלע קולטורן, וועלכע זיינען ניט סטאַטיש און וועלכע האַלטן זיך אין איין בייטן מיט די סאָציאַלע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען אין וועלכע די פעלקער לעבן.

אַ פיל רעאַליסטישערע פראַגע איז: אַסימילירן זיך די יידן אין סאָוויעט רוסלאַנד גיכער און שטאַרקער ווי אין אַמעריקאַ? צום ביישפיל, וואו ווערט איצט יידיש פּראָפּאָרציאָנעל מער אָדער ווייניקער גערעדט — אין רוסלאַנד אָדער אין אַמעריקאַ? וואו זיינען די אויסזיכטן בעסערע און פריילעכערע פאַר אונזער יידישער ליטעראַטור — אין רוסלאַנד, וואו זי האָט אויפגעבליט (איינציטיק אין די אַנדערע מזרח אייראָפּעאישע צענטרן) ביים סוף פונם פאָריקן און אָנפאַנג פונם איצטיקן יאָרהונדערט, אָדער אין אַמעריקאַ, וואו זי האָט זיך געפרובט איבערפלאַנצן צוזאַמען מיט די גרויסע שטראָמען עמיגראַציע?

מיר האָבן ניט די נויטיקע סטאַטיסטיקס און פאַקטן, וואָס זאָלן באַשיינפערלעך באַווייזן וואו דער טעמפּאָ פון דער קולטור און שפּראַך אסימילאַציע איז שטאַרקער.

לײדער אָבער קען קיינער ניט לייקענען אַז די געפאַר פון אַזאַ קולטור און שפּראַך אַסימילאַציע איז גרויס, און אַלע עמאַנסיפּירטע מינדערהייט קולטורן און ליטעראַטור שפּראַכן שטייען פאַר דער געפאַר און פאַר דעם נסיון.

די יידן אין אַמעריקאַ זיינען עמאַנסיפּירט און געניסן פולע בירגער רעכט; איניקע וועלן אפשר ברייען אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז ניט אַזוי פולקום עמאַנסיפּירט ווי די יידן אין סאָוויעט רוסלאַנד (דאָס איינציקע לאַנד וואו אַנטיסעמיטיזם איז פאַרבאָטן), און דער פאַקט קען האָבן אַ געוויסע ווירקונג אויף דעם פאַרשידענעם טעמפּאָ פון דער אסימילאַציע אין די לענדער. פון דער אַנדערער זייט קען מען דרינגען אַז די שטאַרקערע אַסימילאַציע וואָס אַ פולערע סאָציאַליסטישע עמאַנסיפּאַציע מוז ברענגען ווערט אָפּגעהאַלטן מיט דעם פאַקט וואָס אין אַ סאָציאַליסטישער, איינקלאַסיקער געזעלשאַפט איז ניטאָ דער פּסיכאָלאָגישער דראַנג נאָכצומאַכן די העכערע און רייכערע קלאַסן און קולטורן, און עס גייט ניט אין לעבן די מערהייט קולטורן מיט גוואַלד צו אונטערדריקן און אַסימילירן זייערע מינדערהייט קולטורן. אָט דאָס דערקלערט אונז פאַר וואָס יידיש ווי אַלע נאַציאָנאַלע מינדערהייט שפּראַכן, איז אָפיציעל אָנערקענט אין רוסלאַנד ווי אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך; פאַר וואָס עס זיינען דאָרט פאַראַן גאַסן וואָס טראָגן די נעמען פון מענדעלע מוכר ספרים און שלום עליכם; און פאַר וואָס מיר האָבן דאָרט מלוכה אויסגאַבן אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן פון די אַלטע און נייע יידישע שרייבער. אָבער, ווי געזאָגט, האָבן מיר נאָך ניט קיין גענויערע סטאַטיסטיקס און פאַקטן און מוזן זיך דערווייל באַנוגענען מיט היפּאָטעזן און סברות.





ס׳איז אפילו אמת, און מיר ווייסן עס אַלע, אַז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז אין די לעצטע טראַגיש־קאַטאַסטראָפאַלע יאָרן שטאַרק נאַציאָנאַליסטיש און ציוניסטיש געוואָרן. אָבער מיר מוזן צוגעבן ווען מיר ווילן זיין אָביעקטיוו, אַז אָט דער אַמעריקאַנער יידישער נאַציאָנאַליזם (באַזונדער צווישן די מאַסן וואָס זיינען נאָך פאַרבונדן מיט די „אַלטע היימען" וואו זיי האָבן מיליאָנען פון זייערע נאָענטסטע קרובים פאַרלוירן) איז ניט קיין אָרגאַנישער, ניט קיין אינערלעכער, נור אַ נאַציאָנאַליזם כלפּי חוץ, אַזוי צו זאָגן: זייער נאַציאָנאַליזם איז הויפּטזאַכלעך, דאַכט זיך, אַ צדקה יידישקייט, וואָס שטאַמט נאַטירלעך פונם ווילן און חוב צו העלפן און ראַטעווען די שארית הפליטה, און אפילו זייער ציוניזם איז הויפּטזאַכלעך אַ פילאַנטראָפּישער: נור אַ קליינער פּראָצענט פון די אַמעריקאַנער יידן, קענען מיר זיך פאָרשטעלן, איז גרייט אויפצוגעבן זייער אַמעריקאַנישקייט זיך צו באַזעצן אין אַ יידישער מלוכה און לעבן מיט אַ יידישער שפּראַך און קולטור. און ניט קוקנדיק אויף זייער נאַציאָנאַליזם כלפּי חוץ, גייט אָן טאָג־טעגלעך דער פּראָצעס פון אַמעריקאַניזאַציע, דער רופט עס אַסימילאַציע, צווישן די גרויסע מאַסן אַמעריקאַנער יידן. (און אויב אַ סך אַמעריקאַנער יידן זיינען אין די לעצטע יאָרן געוואָרן רעליגיעזער איז עס אויך אַ כאַראַקטעריסטישער סימפּטאָם פון דער סעקולערער אַסימילאַציע).

און ווען מען האָט אין זינען אָט די טענדענצן (וועלכע באַמערקן זיך נאָך שטאַרקער נאַטירלעך צווישן די ענגלישע יידן), זע איך ניט איין ווי מען קען עס באַהויפּטן אַז די געפאַר פון אַסימילאַציע איז גרעסער אין רוסלאַנד ווי אין אַמעריקאַ, אָדער אַז דער דורכשניטלעכער אַמעריקאַנער ייד איז אַ „בעסערער ייד" ווי דער דורכשניטלעכער סאָוויעטיש־יידישער בירגער.

אין כמות איז דאָס אַמעריקאַנער יידנטום דער רייכסטער און גרעסטער יידישער צענטער אין אונזער געשיכטע מיט אַן אונגעהויער גרויסער צאָל יידישע חברות, אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס (אויך ס׳רוב פילאַנטראָפּישע); די גרעסטע צאָל ביכער אין יידיש דערשיינען נאָך אַלץ אין אַמעריקאַ (ס׳רוב אויפן חשבון פון די מחברים אליין). און אין אַמעריקאַ האָבן מיר נאָך אַלץ די רייכסטע יידישע פּרעסע, און דער גרעסטער רוב יידישע שרייבער, זשורנאַליסטן און קולטור טוער (וועלכע שטאַמען פון די מזרח אייראָפּעאישע צענטרן) איז איצט קאָנצענטרירט אין אַמעריקאַ...

אָבער צי צאָל אַליין מאַכט אַ יידישע לעבן, און צי פון אַ גרויסער צאָל וועלכע איז דאָך אַ מינדערהייט, קען אַרויסקומען אַ אָרגאַניש יידיש לעבן — אָבער לעת עתה, קען דאַכט זיך קיינער ניט באַווייזן אַז די לעצטע ווערק פון שלום אַש אין אַמעריקאַ זיינען „יידישער" ווי דוד בערגעלסאָנס לעצטע נאָוועלן אין סאָוויעט רוסלאַנד, אָדער אַז די לעצטע לידער פון לייוויק און גלאַטשטיין זיינען יידישער ווי די לידער פון מאַרקיש, קולבאַק און פעפער;

אָדער אַז אינגאַטאָוו איז מער יידיש ווי נסתר... אָדער קען עמיצער באַווייזן אַז סיי וועלכער יידישער שוישפּילער אין אַמעריקאַ האָט גרעסערע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער בינע ווי דער סאָוויעטיש־יידישער שוישפּילער מיכאָעלס? און איך גלויב ניט אַז עמיצער קען אָפּלייקענען אַז די הבימה און דער מאָסקווער יידישער קונסט טעאַטער זיינען די העכסטע דערגרייכונגען פון דער יידישער טעאַטער קונסט, וועלכע איז אַגב איצט אַזוי געפאַלן אין אַמעריקאַ?

---

אידעאָלאָגיעס און טענדענצן מאַכן ניט אַ ליטעראַטור מער אָדער ווייניקער נאַציאָנאַל: און אָט מאַכט זיך אַז דווקא די פּאַטריאָטישסטע און נאַציאָנאַליסטישסטע טענדענצן זיינען די פרעמדסטע און אַסימילאַטאָרישסטע. ס'איז דער אַלטער כּלל: אינהאַלט אַליין מאַכט ניט אַ קונסט ווערק מער אָדער ווייניקער נאַציאָנאַל.

די שרייבער וואָס איך האָב ערשט דערמאָנט, ווי די צופעליק ניט דערמאָנטע כאָטש ניט ווייניק רעפּרעזענטאַטיווע, זיינען יידישע שרייבער הויפּטזאַכלעך ווייל זיי שרייבן אין אונזערע נאַציאָנאַלע שפּראַכן און פונם יידישן לעבן, און ניט קוקנדיק אויף די אידעאָלאָגישע און פּאָליטישע חילוקי דעות (מיינסט צייטווייליקע) צווישן די יידישע שרייבער אין אַמעריקאַ און רוסלאַנד באַלאַנגען זיי דאָך צו דער רעפּובליק פון דער יידישער ליטעראַטור. זיי שטאַמייז אַלע פון מענדעלע מוכר ספרים — דער זיידע פון אונזערע ביידע מאָדערנע נאַציאָנאַלע ליטעראַטורן. און אַלס אַזעלכע וועלן זיי רעטראָספּעקטיוו באַטראַכט ווערן, ווען די איבעריקע און צייטווייליקע הויפּטזאַכלעך, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע צאַנקערייען צווישן זיי וועלן פאַרשווינדן.

און ווען מען רעדט וועגן דער יידישער אַסימילאַציע אין רוסלאַנד און אַמעריקאַ מוז מיר זיך אָפּשטעלן אויף נאָך אַ זייער וויכטיקן פּונקט, וועלכער ווערט ס'רוב כּמעט אינגאַנצן פאַרזען ווען די פראַגע ווערט דיסקוטירט:

דאָס אַמעריקאַנער יידנטום איז פאַרגלייכמעסיק יונג. ערשט אינם לעצטן האַלבן יאָרהונדערט איז ער אַזוי מעכטיק אויסגעוואַקסן; יידיש קולטורעל האָט זיך דאָס אַמעריקאַנער יידנטום ביז לעצטנס געשפּייזט פון די אַלטע היימען פון וועלכע זיי האָבן געמוזט עמיגרירן. און זייער פאַרוואָרצלונג אינם אַמעריקאַנעם באָדן איז נאָך ניט טיף גענוג און די פּרוכט פון דער נייער פאַרוואָרצלונג זיינען אונז נאָך ניט באַקאַנט.

און דאָס רוסישע יידנטום, הגם ס'איז אין כּמות שטאַרק געמינערט געוואָרן פאַרן לעצטן האַלבן יאָרהונדערט איז איצט אָבער דער *איינציקער גרויסער יידישער פאַלקס רעזערוואָר* וואָס איז געבליבן נאָך דעם שרעקלעכן חורבן פונם מזרח אייראָפּעאישן יידנטום. דאָס איצטיקע רוסישע יידנטום איז נאָך אין דער היים, אַזוי צו זאָגן; זיי לעבן נאָך מיט דער לופט, אין דער אַטמאָספערע און לאַנדשאַפט וואו עס האָבן געלעבט און געשאַפן די קלאַסיקער און בויער פון אונזער מאָדערנער ליטעראַטור — יצחק בער לעווינסאָן, מענדעלע, שלום עליכם, גאָלדפאַדען, דובנאָוו, ביאַליק, אחד העם און די אַנדערע פּירער און טעאָרעטיקער, וועלכע האָבן אַזוי שטאַרק באַאיינפלוסט דאָס גאַנצע מאָדערנע יידנטום און אַזוי פיל געהאָלפן פאָרמירן די צוזייטע און צושפּרייטע יידישע מאַסן ווי אַ פאָלק מיט אַ פאָלקס באַוואוסטזיין און מיט אַ ווילן צו בויען אַ יידישע מלוכה און לעבן ווי אַ פאָלק צווישן פעלקער. און דאָס געפיל פון פאַרוואָרצלטקייט, *און פון המשך*, וואָס איז אפשר דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין יעדער נאַציאָנאַלער קולטור און ליטעראַטור, הגם אינסטינקטיוו און ניט קוקנדיק אויף סיי וועלכע רעוואָלוציאָנערע טענדענצן זיך אָפּצורייסן פונם עבר — אָט דער פאַקטאָר איז אפשר אויך אָנטשיידן ווען מיר רעדן פון אַסימילאַציע.



איך מוז זיך איצט דערמאָנען אָן אַ זייער כאַראַקטעריסטישן אינצידענט (אויך פון אַ ליטעראַטור־היסטאָרישן באַדייט):

ביי אַ פערציק יאָר צוריק איז פּרץ דאָס ערשטע מאָל, דאַכט זיך, געקומען קיין אָדעס. און די דאַמאָלטיקע אָדעסער יידישע שרייבער האָבן פאַרן גאַסט אַראַנזשירט אַ גרויסאַרטיקן באַנקעט. גרויסאַרטיקן, האָב איך געזאָגט, ווייל אויף דעם באַנקעט זיינען געווען ניט מער און ניט ווייניקער ווי מענדעלע מוכר ספרים, אחד העם, דער דאַן נאָך יונגער ביאַליק, ר' מרדכה'לע (טשעמערינסקי), רבי קרוב (לעווינסקי), רבניצקי און נאָך אַנדערע פּני פון דער אָדעסער ליטעראַרישער וועלט...

נור איינער פון די אָדעסער פּני האָט ניט געוואָלט קומען צו דעם פּרץ באַנקעט. און דער איינער איז געווען דער באַוואוסטער העברעאיש־רוסישער שרייבער בן עמי...

פאַרוואָס האָט ער ניט געוואָלט קומען צו דער באַנקעט?

„ווייל פּרץ איז אַ אַסימילאַטאָר" האָט בן עמי געענטפערט. (פּרץ איז ניט געווען קיין חובב ציון און סימפּאַטיזירט מיטן אַפּיקורסישן און רעוואָלוציאָנערן „בונד"). געדענק איך (איך בין דאַן געווען זייער יונג און איך האָב זיך געפילט אויף דעם באַנקעט נאָך העכער ווי אויפן זיבעטן הימל) ווי מענדעלע, וועלכער איז געווען יושב ראש (ימינו ושמאלו פּרץ און אחד העם) האָט זיך געבייזערט כאַראַקטעריסטיש אין זיין רעדע: „אַ יידישער שרייבער וואָס שרייבט יידיש פאַר יידן — אַ אַסימילאַטאָר... איך פאַרשטיי עס ניט".

— קענען מיר עס *איצט* יאָ פאַרשטיין?

אָבער ווי שוין פריער געזאָגט זיינען די פראַגן פון גרעסערער אָדער קלענערער אַסימילאַציע און וועלכע יידישע שרייבער זיינען ערגערע אָדער בעסערע יידן, צו אַקאַדעמיש און פּראָבלעמאַטיש, ווען ס'האַנדלט זיך וועגן קיום העם אינם בוכשטעבלעכן זין פונם וואָרט: אין אַמעריקאַ און רוסלאַנד לעבט איצט דער רוב מנין ובנין פון אונזער פאָלק, און אונזער צוקונפט אַלס אַ פאָלק פיזיש ממש הענגט אָפּ פון דער צוזאַמענאַרבעט פון די צוויי גרעסטע מאָדערנע יידישע צענטרן. פּונקט ווי די צוקונפט פון אַלע פעלקער הענגט איצט אָפּ פון אַ פאַרשטענדניש און קאָאָפּעראַציע פון די צוויי גרעסטע מאָדערנע מלוכות — אַמעריקאַ און רוסלאַנד.

ש. ערנסט (תל אביב)

# ווי אזוי אַן אַרץ ישׂראל ייד קוקט אויף מענדעלען

דאָס לעבן און שאַפן פון מענדעלע מוכר־ספרים
(צו זיין 30־טן יאָרצייט)

אין אַרעאַל פון מעשׂה׳לעך און טשיקאַווע אַנעקדאָטן באַשטראַלט די ליכטיקע פּערזענלעכקייט פונם „זיידן" פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט מאריך ימים געווען און האָט באַרייכערט אונזערע ביידע ליטעראַטורן ביזן לעצטן אָטעם־צוג פון זיין לעבן.

ביזן היינטיקן טאָג, שוין 30 יאָר נאָך זיין טויט, איז מענדעלע נאָך אַלץ פאַררעכנט אַלס איינער פון די וויכטיקסטע שרייבער פון דער פאַרגאַנגענער תקופה.

זיין שאַפן צעפאַלט אויפן גרעניץ פון צוויי תקופות: מיט אים הויבט זיך אייגנטלעך אָן די יידישע ליטעראַטור אין קינסטלערישן זינען. וויי׳ל ביז אים האָט עקזיסטירט נאָר אַ ליטעראַטור מיט רעליגיעזע אָדער דידאַקטישע צוועקן און ער איז געווען דער ערשטער גרויסער קינסטלער אין יידיש.

ד ע ר   װ ו א ו נ ד ע ר   ק י נ ד

שוין קינדווייז ווייזט שלום יעקב׳ל (ווי זיין אמת׳ער נאָמען איז געווען) אַרויס גרויסע פעאיקייטן. ער האָט געהאַט זער שיינע אויגן וואָס זיינען געווען אַ שיינע אָפּשפּיגלונג פון זיין נשמה, אַ רעפלעקס פון דער אינערליכער שיינקייט.

דער פאָטער זיינער האָט אים געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע דערציאונג, האָט אים אָבער אויך געלאָזט לערנען תנ״ך און אפילו דיקדוק וואָס זענען דעמאָלט געווען פאַררעכנט פאַר פרייזיניקע לימודים.

אַ סך לומדים פלעגן פאַרפירן מיט דעם קליינעם עילוי ויכוחים, זיי פלעגן אים פרעגן קשיות און ער האָט אויף אַלעמען געענטפערט און אַזוי אַרום האָט זיין נאָמען אָנגעהויבן צו קלינגען איבער דער גאַנצער געגנט.

זיין גלות אָפּריכטן אין פאַרשידענע ישיבות

אַזוי וויביים נאַציאָנאַלן דיכטער ח. נ. ביאַליק האָט די ישיבה וואָלאָזין געלאָזן שפּורן אין זיין שאַפן, אַזוי האָבן די ישיבות געלאָזן אַ בולט׳ן שטעמפּל אויף מענדעלעס דערציילונגען.

צו זיין 14־טן לעבנס יאָר בעת ס׳איז אים אָפּגעשטאָרבן דער פאָטער זיינער, טרעפן מיר אים פריער אין סלוצקער ישיבה, און שפּעטער אין ווילנע, אין ווילנער גאון׳ס קלויז.

אַ סך מעשׂה׳לעך קורסירן וועגן זיין ערשטן דעביוט אין דער יידישער ליטעראַטור. מ׳דערציילט אַז איינמאָל זומער צייט, ווי ער איז אַזוי געגאַנגען צופוס און ס׳איז אונטערגעפאָרן אַ יידישע פור און מ׳האָט אים אַרויפגענו־



מען אויפן וואָגן. ס׳איז גראַד דעמאָלט געפאָרן דער פאָלקס־שרייבער א. מ. דיק, און יענער האָט אויפן וועג געשלאָסן מיט שלום יעקב׳ן אַ קאָנטראַקט אַז ער זאָל אים צושטעלן „ברכי נפשי" אויף יידיש. וואָס איז דער ערשטער נסיון פון מענדעלע׳ן אין דער יידישער ליטעראַטור. (געהערט פונם באַרימטן חזן יוסף בן־משה).

דער פּראָווינציעלער רייזנדער

אַ סך מאַטעריאַל אין מענדעלע׳ס דערציילונגען שטאַמט פון זיין רייזע איבער דער פּראָווינץ און מעשׂה שהיה כך היה.

שלום יעקב האָט זיך ייִנגלווייז געטראָפן מיט אַ שלעפּער, וואָס פלעגט אומפאָרן איבער דער מדינה (אַברהמ׳ל דער הינקענדיקער, פּראָטאָטיפּ פון „פישקע דעם קרומען") און אָט דער דאָזיקער שנאָרער האָט צוגערעדט דעם יונגן און עלנטן שלום יעקב׳ן, אַז ער זאָל זיך לאָזן אין דער ווייטער וועלט אַריין. און אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען מענדעלע׳ס נסיעה דורך ליטע איבער דעם גאַנצן דרום׳דיקן געגנט פון רוסלאַנד, איבער וואָלין, אוקראַינע און פּאָדאָליען. געטאָגט האָט ער אין די בתי־מדרשים און די קלויזן און גענעכטיקט אין הקדש. בעת די דאָזיקע נסיעות האָט זיך שוין קאָלירט און אויסגעפורעמט דער שפּעטערער סיפּור־המעשׂה וועגן מענדעלע מוכר־ספרים׳ס ביידל מיט דער שקאַפּע, וואָס פאָרט אַרום איבער דעם יידישן תהום אין דער לענג און אין דער ברייט.

אויפן וועג אין קאַמעניץ־פּאָדאָלסק דערקענט זיך מענדעלע מיטן וועטעראַן פון די העברעאישע משׂכּילים אַברהם בער גאָטלאָבער און יענער רעדט אים צו צו דער השׂכּלה, און בעת מענדעלע ווייזט אים זיינע געשריבענע זאַכן, דרוקט ער אָפּ, אָן זיין וויסן זיין ערשטע ליטעראַרישע אַרבעט אין העברעאיש אין „המגיד" פון יאָר תרי״ז, און דערמיט ווערט שוין פאַר׳חתמ׳עט דער גורל פון שלום יעקב׳ן אַלס משׂכּיל און שרייבער ביי יידן.

אַ שפּאַציר אין דעם גאָרטן פון דער יידישער אגדה

בעת די אַנדערע יידישע משׂכּילים פון יענער צייט האָבן גענאַשט זייער השׂכּלה פון פרעמדע קוואַלן, האָט זיך ביי מענדעלע ענטוויקלט אַ ליטעראַרישער טאַלאַנט פון די מקורות פון אונזער פּאַרצייטיקער יידישער ליטעראַטור.

דערין טאַקע באַשטייט די גדלות פון מענדעלען, וואָס ער איז אַן אָריגינעלער יידישער שרייבער.

פון תנ״ך ווערט שוין ייִנגלווייז שלום יעקב באַצויבערט און די ספרים פון די כתבי הקודש באַשעפטיקן טאָג און נאַכט זיין פאַנטאַזיע נאָך מער, אָבער ווערט ער פאַרכאַפּט פון די אגדתא׳ס פון תלמוד און פון די מדרשים. ער אַליין דערציילט אונז דעם איינדרוק, וועלכן די יידישע אגדה האָט אויף אים געמאַכט. אַ געטלעכע שטילקייט הערשט. די גאַנצע שטאָדט איז פאַרזונקען אין שלאָף, די לבנה און די שטערן אויף זייער וואַך אין הימל סוד׳ן זיך

— און איך האָרך אונהאָרך. דענסמאָל האָב איך געזען גאַנץ דייטליך דעם מלאך גבריאל. כ'האָב געזען ווי די מלאכי צבאות שוועבן און הויבן אָן זיס צו זינגען און דער גאָט פון כבוד קומט אָן. פלוצים דערלאַנגט גאָט אַ שטורעם מיט כח, לאָזט הערן זיין שטים אין אַ געוויין. דאָס וויינט ער אויף זיין בית המקדש, וועלכער איז חרוב אויף ירושלים זיין פראכט־שטאָדט, וועלכע איז פאַרוויסט און אויף די טייערע ציון'ס קינדער, וועלכע בלאָנדזשן אַרום אין גלות.

## דער סינטעז פון ראָמאַנטיק און נאַטוראַליזם

אין מענדעלעס דערציילונגען איז פאַראַן אַ האַרמאָניע פון ראָמאַנטיק און נאַטוראַליזם. צווישן דיביידע ריכטונגען אין דער ליטעראַטור ליגט אַ תהום בעת דער ראָמאַנטיזם באַטראַכט דאָס „אומראַציאָנאַלן” פאַרן יסוד פונם לעבן, רעכנט זיך דער נאַטוראַליזם מיטן שכל'דיקן און ראַציאָנאַלן לעבן.

ביי מענדעלע'ן אָבער האָבן אויף אַ האַרמאָנישן אופן זיך סינטעזירט ביידע יסודות.

מענדעלע האָט זער יונג פאַרלאָזן זיין היים, די ליטע, און לאַנג: אַרומגעוואַנדערט איבער וואהלין און איבער אַנדערע דרום געגנטן און דאָס האָט געהאַט די גרעסטע ווירקונג אויף זיין קינסטלערישע אַנטוויקלונג. די שאַרפע קאָנטראַסטן פונם לעבן וועקן די נשמה זיינע און עס סינטעזירן זיך ביי אים אי די רדיפות פון דער ניכטערער ליטע מיט אירע שפּיצקעפּיקע תלמידי־חכמים און אי די האַרציקע פשטות פונם אוקראַינער ייד.

מענדעלע איז קודם־כל אַ קינסטלער מיט גרויס טאַלאַנט, אַלצדינג וואָס ער האָט אבסערווירט אין זיינע וואַנדערונגען אין דער יוגנט האָט געלאָזן טיפע שפּורן ביי אים אין דער נשמה, און ער ווייס ווי אַזוי אַלץ צו שילדערן מיט די קלענסטע בילדערישע פּרטים.

ער האָט בטבע פיינט דאָס יום־טוב'דיקע און ער שילדערט גערן דאָס געוויינלעכע טאָג טעגלעכע לעבן מיט דער גאַנצער פּראָזאַאישקייט און וואָכעדיקייט.

אין אַ סך פון זיינע מעשיות קומט בולט אַרויס דער כלל־ייד, נישט דער יחיד, נאָר דער רבים. פאָרנדיק מיט זיין וועגעלע איבערן יידישן תהום האָט ער אויפגעכאַפּט מיט זיין קינסטלערישן אויג דאָס לעבן פון די קאַבצאָנסקער און גלופּסקער תושבים — זייער אומגעלומפּערט משונה'דיק לעבן. און עס שלאָגט אַ קוואַל פון הומאָר בעת דו דערזעסט אַז ס'איז פאַראַן פרייד אַפילו אינם תהום פונם יידישן דלות.

אין „בנימין השלישי” זוכט ער פאַר אונז צו שילדערן דעם יידישן דאָן־קיכאָט, וועלכער איז אויך אַ פּראָטאָטיפּ פון אַ סך פון אונזערע טרוימערישע געשטאַלטן, וואָס זיינען ווי געהעריק נישט אָפּגעשאַצט געוואָרן ביז היינט.

## מ ע נ ד ע ל ע ' ס  נ ו ס ח

שוין ביאַליק האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף אַז מענדעלע'ס כוח



איז באַשטאַנען דערין, וואָס ער האָט געשאַפן אין דער ליטעראַטור אַ נוסח.

נוסח מענדעלע איז געוואָרן אין אונזער ליטעראַטור אַן אָנגענומענע מינץ וואָס גייט איבער פון איין שרייבער צום צווייטן.

און אָט דאָס דאַרף מען באַטאָנען, אויך איצט דרייסיק נאָר נאָך מענדעלע'ס טויט. „שאַפן פאַר ליטעראַטור אַ נוסח — שרייבט ח. נ. ביאַליק — דאָס הייסט געבן פעסטע און דויערהאַפטע פאָרמען פאַר די געפילן און די געדאַנקען פון פאָלק און דערמיט ממילא דיסציפּלינירן דעם גייסט”.

און אָט דאָס שטיקל אַרבעט האָט אָפּגעטאָן מענדעלע.

העכער פופציק יאָר אַז ער האָט געפורמט און געפערלט יעדן אות און האָט אויסגעפורמט אַ שפּראַך, אַ סטיל אי אין יידיש אי אין העברעאיש און ער האָט דערמיט זיך געשאַפן אַ מאָנומענט און אַן השארת הנפש אין אונזערע ביידע ליטעראַטורן ביזן היינטיקן טאָג.

## סימבאָלן און פּראָטאָטיפּן

אין דער געשיכטע פון דער ליטעראַטור טרעפן מיר אָן אינטערעסאַנטע פאַקטן. אַזאַ פאַקט איז אַז געוויסע טיפּן, וואָס דער שרייבער מיינט אַז זיי זיינען צייטליכע טיפּן, ווערן דערהויבן מיט דער צייט אַלס סימבאָלן און אַלס פּראָטאָטיפּן.

אַזאַ טיפּ, למשל, איז דאָן קיכאָט, וואָס סערוואַנטעס האָט געשילדערט אין זיינע ווערק. דער אַוואַנטוריסטישער פילפאַרביקער טיפּ פון דאָן קיכאָט איז אויפגעשטיגן צום פּראָטאָטיפּ און סימבאָל פון מענטשלעכן אידעאַליזם. אַ דאָן קיכאָט הייסט שוין אַ טרוימער און אַמאָל אויך אַזאַ איינער, וואָס וויל איבעראַנדערשן די וועלט־אָרדנונג.

ענליך איז געשען מיט מענדעלע'ס „ר' בנימין” און מיט סענדערלען. מענדעלע'ס טיפּן הויבן זיך אויף איבער זייער סביבה, און זיי דינען פאַר אונז אַלס סימבאָלן פון אַ שיינער יידישער וועלט, וואָס איז אַזוי אומזיניק פאַרשוואונדן אונז פאַר די אויגן.

דאָס יידישע לעבן אין אייראָפּע האָט זיך אינגאַנצן געענדערט. נאָך פאַר דער היטלער פאַרטיליגונג, זיינען אָפּגעווישט געוואָרן די יידישע שטעטלעך מיט זייער אַרט לעבן אין סאָוויעט רוסלאַנד, וואו דאָס יידישע לעבן האָט באַקומען אַן אַנדערן פּנים.

די טיפּן פון מענדעלע'ן זיינען געשטאַלטן ווי געמאָלן אין בראָנזע, ווי קינסטלערישע בילדער שטייען זיי איינזאַם און אַליין אין דער יידישער ליטעראַטור. אין אַ דור פון אבלים און יתומים ברענגען די געשטאַלטן פון מענדעלע מוכר ספרים אי טרייסט אי גלויבן אין שענערע און בעסערע צייטן פאַר אונזער געפּלאָגטן פאָלק.

---

# „דעם נאַצי׳ס יידיש" טאַכטער

(אַ לעבנס־בילד אין דריי אַקטן מיט אַ פּראָלאָג און עפּילאָג)

## פון מאָרים קאַץ

### רעצענזירט פון ל. ש. קרעדיטאָר

אַ היבש ביסל טינט און טרערן איז שוין פאַרגאָסן געוואָרן אויף די פאַרגאָסענע בלוט פון אונזערע ברידער דורך די באַרבאַרישע נאַצים.

אַ גאַנץ חשובע ליטעראַטור האָט זיך שוין געשאַפן, אין פּראָזע, פּאָעזיע און דראַמע, דורכגעדרונגען מיטן וויי־געשריי פון די פאַרפּייניקטע קרבנות. דאָך איז נאָך נישט געשאַפן געוואָרן דאָס גרויסע קאָלאָסאַלע „איכה" און די טראַגישע טענות פון „איוב" אין וועלכע עס זאָל זיך אָפּשפּיגלען דער גאַנצער מהות פון אונזער אומגליק.

ס׳קאָן מעגלעך זיין, ווייל מיר זענען נאָך צו נאָענט צו די געשעענישן, אָדער ווייל דער אומגליק איז אַזוי גרויס וואָס נאָר אַ זשעני קאָן עס אַרומנעמען, און אפשר דערפאַר וואָס אונזערע גרויסע טאַלאַנטן האָבן מורא אַריינצוטראַכטן זיי זאָלן חלילה פון זינען אַראָפּ.

דערפאַר איז, דאָס שוין געשאַפענע, בלויז פראַגמענטן, אָדער „ראשי־פרקים" פון דעם וואָס עס האָט אונז געטראָפן, און זיי וועלן זיין זער נוצליך פאַר דעם קומענדיקן קינסטלער און מאַלער צו דערגענצן און פאַרפאָלקאָמען דאָס טראַגיש־בילד מיט אַלע נויטיקע פאַרבן, וואָס זאָל שטעכן די אויגן פון דעם וועלטס געוויסן: זעט, צו וואָס איר האָט דערלאָזן?

מאָרים קאַץ האָט אויך אַ פאַרזוך געמאַכט צו שילדערן „אַ לעבנס־בילד" פון יענע טעג און געשעענישן אין אַ דראַמאַטישער פאָרם מיטן נאָמען „דעם נאַצי׳ס יידישע טאָכטער". זער אַ שיינע בוך־אויסגאַבע מיט אַ גאַנץ אינטערעסאַנטן אינהאַלט און מיט אויסציגע פון רעצענזיעס, וואָס די זיד־אַמעריקאַנישע צייטונגען האָבן געשריבן און געלויבט, ווען דיזע פּיעסע איז דאָרט אויפגעפירט געוואָרן מיט גאָר אַ גרויסן דערפאָלג.

מיר דאָ אין לאָנדאָן האָבן שוין אויך געהאַט די געלעגנהייט צו זען נאָר איין אַקט דורכגעפירט פון ניוסאַ גאָלד און אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם און אַפּלאָדיסמענטן.

דאָס באַווייזט, אַז מיט אַ גוטער רעזשי און אַ שיינע פּראָדאַקשאָן קאָן די פּיעסע, וואָס דער מחבר רופט „אַ לעבנס־בילד" זיין אַ העכסט געלונגענע פאָרשטעלונג אויף דער יידישער בינע.

ס׳ווילט זיך פאַרשטיין דאָס די עניוות פון מר. קאַץ צו באַצייכנען זיין ווערק אַלס לעבנס־בילד און אויסגעמיטן דעם נאָמען דראַמע, הגם דאָרט געפינען זיך פיינע דראַמאַטישע שטריכן, אַ שפּאַנענדער אינהאַלט און אַ גאַנץ רייכער סיוזשעט, איז דערפאַר ווייל ער אַליין ווייס דאָס זיין צוטריט איז געווען אַ טענדענציעזער און דערפאַר ליידעט אין איר די קונסט.



דאָס מיינט אָבער נישט — ווי אַנדערע ווילן באַהויפּטן — אַז קונסט מוז זיין ריין פון טענדענץ. ניין, אַזעלכעס טרעפט זער זעלטן אָדער קיין מאָל נישט. אין די גרעסטע וועלט שאַפונגען איז פאַראַן אַ טענדענץ. נאָר דער אונטערשיד איז אָט וואָס:

ביי דעם גרויסן קינסטלער קומט אַרויס דער טענדענץ „בדיעבד" און ביי דעם געוויינלעכן שרייבער איז דער טענדענץ „לכתחילה". דער חילוק איז גאָר אַ גרויסער.

מר. קאַץ האָט לכתחילה געהאַט אין זינען דעם טענדענץ צו ווייזן די טראַגעדיע פון געמישטע חתונות, די קרימינאַלע נאַצי פאַרברעכער און די נקמה פון דער טאָכטער, וואָס האָט זיך דערוואוסט וועגן איר אמתן פאָטער און פאַראַט פון איר מוטער. ער האָט דעם טענדענץ זער גוט אַרויסגעבראַכט, אָבער ווייניק די קינסטלעכע זייט פון די פּערזאָנען און האַנדלונג.

אָט, צום ביישפּיל: ער האָט דעם נאַצי אַדאָלף זער גוט כאַראַקטעריזירט און מיט אויסגעהאַלטנקייט. ער האָט אָבער ניט גענוג בולט געמאַכט אַדאָלף׳ס גראָבע ליידנשאַפט צו דער יונגער אַדאָפּטירטער יידישע טאָכטער. דאָס האָט געקאָנט טיפער און פּסיכאָלאָגישער באַהאַנדלט ווערן.

דאָס זעלבע איז מיט די צוויי ערהאַבענע טיפּן פרידאַ, אַ יידישע מיידל און אַרטור, אַ דייטשער קאָמוניסט. ביידע האָבן זיך שטאַרק ליב. נאָר פרידאַ האָט מורא פאַרן רעזולטאַט פון אַ געמישטער חתונה ענטזאָגט זי אַרטורס ליבע מיט אַ לייכט האַרץ און ער נעמט עס אָן אַ טראָפּן האַרצווייטאָג. פון הייסער ליבע צוגייט מען זיך נישט אַזוי לייכט.

איך גלויב נישט, אַז מר. קאַץ גלויבט אין אַזאַ גרויסמוטיקן, גוטהאַרציקן און אידעאַלן מענטשן ווי אַרטור. נאָר ווען דער מחבר ווערט נישט פאַרפאָלגט פון טענדענץ וואָלט ער נישט גלויביקייט גלויבן געמאַכט. אמת׳ע קונסט קאָן אָט די וואונדער ווייזן.

אַ שיין אויסגעהאַלטענער טיפּ איז עלזאַ, די טאָכטער פון דער געמישטער חתונה, די צענטראַל פיגור אין דער פּיעסע. זי נעמט נקמה פונם ברוטאַלן אַדאָלף. זי ווערט אַ קאָמוניסטקע אין סאָוויעט רוסלאַנד. זי העלפט די פאַרטיזאַנען און די יידן פון די נאַצי. שחיטות. אַזוי דאַרף זי האַנדלען. אָבער איר מאָנאָלאָג איז מער פאַרן אוידיענץ פון טעאַטער ווי אמת.

ווען פּעטראָוו, דער סאָוויעטישער קאָמאַנדאַנט, זאָגט צו איר, אַז ער איז אין ספק אויב זי איז אַ הונדערט פּראָצענטיקע קאָמוניסטקע, ווייל זי וויל פאָרן קיין אַמעריקאַ זען איר פאָטער, ענטפערט זי:

„איר זאָלט אָבער נישט מיינען, אַז אָט דער קאַמף פאַר פרייהייט און גערעכטיקייט איז נאָר אַ זאַך פאַר הונדערט פּראָצענטיקע קאָמוניסטן! עס איז אַ חוב פאַר יעדן ערלעכן מענטשן. איבערהויפּט פאַר מיר, אַלס יידישע טאָכטער. ווער ליידט נאָך אַזוי פיל פון פאַשיזם ווי מיר יידן? ווער האָט נאָך אַזאַ מאַרטירער געשיכטע אַדורכגעווייקט מיט בלוט און טרערן פון דורות ווי מיר יידן?"

א קאָמוניסטקע און א טאָכטער פון א קריסטלעכע מוטער זאָל זאָגן מיין „אָרים פאָלק“, זאָל וויסן פון „א מאַרטירער געשיכטע אדורכגעווייקט פון בלוט פון דורות“, דאָס גלויבט זיך נישט און דער מחבר האָט זיך נישט געגעבן די מיה פריער צו מאַכן אונז גלויבן.

נאָר טראָץ די קליינע פעלערן איז מר. קאַץ'ן געלונגען צו שאַפן א ריינע און אַן אַקטועלע ווערק, וואָס איז ווערט אַרויפצוגיין אויף דער יידישער בינע. איר האָט דאָרט גאַנץ אינטערעסאַנטע טיפּן ווי מאַקס בידערמאַן, וואָס קאָן זאָגן א וויץ אַפילו אין צייט פון געפאַר. דר. האנס שטרויס און לילי זיין פרוי די פאַרעטעריןן. ס'איז א מעשה וואָס קען טרעפן. און די בינע טעכניק איז גוט און אויסגעהאַלטן גאָרנישט ווי פון אַן ערשטלינג.

דער יידישער טעאַטער באַזוכער איז זיך דאָך פשוט מחייה, ווען ער זעט אויף דער בינע די מפלה פון די רשעים און די הצלחה פון די ערלעכע. דאָס איז דאָך פאַר דעם יידן די איינציקע קאָמפּענסאַציע פאַר זיינע ליידן. אין רעאַליטעט קאָן ער דאָך זיך נישט אָפּרעכענען מיט די רוצחים, איז ער כאָטש צופרידן, אַז מען רעכנט זיך אָפּ מיט זיי אויף דער בינע. די הנאה האָט מר. מאָרים קאַץ געגעבן מיטן פולן האַנט. די פּיעסע האָט אויך א מעלה וואָס זי לעזט זיך ווי א שפּאַנענדער ראָמאַן. ווער עס וועט דאָס לעזן און ווער עס וועט דאָס, מיט דער צייט, זען שפּילן, ביידע וועלן שטאַרק הנאה האָבן.

## אליהו פאלושאק

# מענטשלעכע דאקומענטן און דאקומענטן פון אונמענטשלעכקייט

יעדע צייט זינגט זיך איר ליד און ברענגט צום אויסדרוק אין וואָרט און שריפט דעם אָפּקלאַנג פון דער באַשטימטער עפּאָכע.

איך רעד דאָ נישט פון פאָרמענדע קינסטלער, דיכטער, דענקער און עטיקער, וואָס דריקן אויס פאַר דער עפענטלעכקייט זייערע בילדער, געדאַנקען, וויזיעס און עמאָציעס. איך וויל פשוט דערמאָנען די, וואָס האָבן געשריבן זכרונות און דערלעבענישן פון א טראַגישער צייט, וואו אמאָל יאָ און אמאָל נישט זייער אייגענע פּערזאָן איז געשטאַנען אינם מיטל־פּונקט פון געשעענישן; זכרונות, וועלכע האָבן שוין היינט א דאָקומענטאַרישן ווערט.

עס איז קלאָר, אַז אין א צייט ווען דער בילדונגס גראַד איז א געהויבענערער און דער בעזגראַמעטנער האַלט ביים אויסשטאַרבן, איז דער קרייז פון די, וואָס האַלטן פאַר נייטיק אויסצודריקן און צו פאַרעפנטלעכן זייערע איבערלעבענישן און דערפאַרונגען א גרעסערער ווי אין אמאָליקע צייטן.

עס דערשיינען איצטער אין פאַרשיידענע לשונותביכער, ביכלעך, קורצע באַריכטן און דאָקומענטן, וואָס סומירן זיך אַלע אין איין טעמע: דעם גרויסן חורבן פון אונדזער פאָלק.



עס איז אָפּטמאָל אינטערעסאַנט אַנטקעגנצושטעלן די פאַרשיידענע זכרונות. זיי זיינען נישט גלייכפאָרמיק, אוניפאָרם. ווי קען עס דען אַנדערש זיין? האָט דאָך שוין אין דער מלחמה־צייט אין דער צייט פון דער מאַסן־אויסשעכטונג פונם מיליאָנעדיקן יידישן ישוב אין דאַמאָלדיקן נאַצי־אייראָפּע — אַן ענגלישער קאָרעספּאָנדענט געשריבן: „דאָס איז נישט דער טראַגישער גורל פון 5 אָדער 6 מיליאָנען יחידים. ניין, דאָס זיינען פינף אָדער זעקס מיליאָנען איינצעלנע טראַגעדיעס“.

שוין ווען מען לייענט אינם סעפּטעמבער־נומער פון „אונדזער־שטימע“, אָרגאַן פון דער שארית הפליטה אין דער ענגלישער זאָנע, וואָס דערשיינט אין בערגן־בעלזן, א דאָקומענט באַצייכנט „אביסל געשיכטע וועגן דער געטאָ־ליקווידאַציע אין אָטוואָצק אין 1942“, געשריבן פון אברהם ליפשיץ, זעען מיר אין דעם קורצן באַריכט דעם גרויסן „פאַרנעם“ פון דער אַלגעמיינער יידישער טראַגעדיע און פונם בעסטיאַלישן פאַרניכטונגס ווילן און סאַדיסטישער שפּילעריי פון אונדזער שונא. איך האַלט, אַז דער דאָזיקער בייטראַג איז א זייער וויכטיק דאָקומענט, ווייל, ווי דער מחבר זאָגט ווערטלעך אין דעם אַריינפיר: „די פּרטים וועגן דער ליקווידאַציע פון אָטוואָצקער געטאָ האָט מיר איבערגעגעבן א באַקאַנטער פּוילישער גייסטלעכער פון דער בריטישער זאָנע אין דייטשלאַנד, יאַן וויאַציעכאָווסקי, וועלכער איז געווען אַן עדות ראיה אָדער האָט געהאַט דעם צוטריט צו א סך מאַטעריאַלן וועגן דער יידן שחיטה אינם באַקאַנטן קור־אָרט ביי וואַרשע“.

ווען מיר זאָלן גלייבן דעם דאָזיקן אויגן־עדות, האָט ער זיך דאָ און דאָרט באַמיט צו העלפן אונדזערע ברידער, באַזונדערס די קינדער. ער דערציילט, אַז נישט ווייט פון זיין הויז האָט זיך געפונען דאָס יתומים הויז פון „צענטאָס“, פון וואַנען ס'האָבן זיך דערהערט גראַנאַטן־אופרייסן און שיסן פון פּולימיאָטן. יידישע קינדער פון 8 און 9 יאָר זיינען צו אים געקומען צולויפן און האָבן זיך באַהאַלטן, וואו זיי האָבן נאָר געקענט. ער האָט זיי געווארנט וועגן דער דראָענדיקער געפאַר. און די קינדער האָבן געשריגן: „פּאַניע פּראָבאָשטשו! באַהאַלט אונדז אויס. אין אונדזער יתומים הויז האָט מען אַלע קינדער צעשאָסן!“....

אויפן וועג צום שכנותדיקן גוט האָט זיי דער שונא דעריאָגט, און זיי זיינען געוואָרן אומגעבראַכט פאַר די אויגן פונם פּראָבאָשטש. „צוויי טעג זיינען געלעגן די טויטע קינדערלעך ביז מען האָט זיי מקבר געווען“.

אין דעם דאָזיקן קורצן דאָקומענט פון דער „ליקווידאַציע“ פון א קליינער יידישער קהלה שפּירט „מען אַרויס די גרויסע טראַגעדיע פונם גאַנצן יידישן קאָלעקטיוו, די געפּלאַנטעוועטע פאַרניכטונג פון א שוצלאָז פאָלק.

נישט אזוי איז עס אין אַן אַנדער צייט־דאָקומענט, וואָס נעמט אַרום די זעלבע צייט און די זעלבע טראַגעדיע אין א גרעסערן מאַסשטאַב, און וואו ס'איז פאַרוויקעלט דער גורל און ליקווידאַציע נישט סתם פון א קליינער יידישער קהלה, נאָר פון יידישע קהלות פון אַלע ווינקלען פון אייראָפּע, —

וואו ס'זיינען אומגעקומען פיר מיליאָנען מענטשן (בתוכם גרויסע מאַסן נישט־יידן) — דאָס טרויעריק־באַרימטע אָשוויעצים.

איך מיין דאָ אַ בוך, וואָס איז דערשינען מיט אַ פּאָר חדשים צוריק אין ציריך אין דער שווייץ אינם פאַרלאַג פון זשאַק שומאַכער מיט דעם נאָמען: „איך בין געווען נומער 10291“ פון זשעני שפּריטצער מיט דעם אונטערטיטל: „באַריכט פון פאַקטן פון אַ שרייבערין אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פונם קאָנצענטראַציע־לאַגער אָשוויעצים“. דאָס דאָזיקע בוך איז 150 זייטן שטאַרק און איז געשריבן אין דייטש, וואָס וואָלט אַן־און־פאַר זיך געקענט זיין זייער וויכטיק, ווען דער נישט־יידישער לייענער וואָלט פון דעם דאָזיקן טאַטזאַכן־באַריכט געקענט אַרויסנעמען די געהעריקע לערעס און פועל יוצא'ס.

די פאַרפאַסערין איז אַ יונגע יידישע פרוי פון האָלאַנד און מוטער פון אַ קליין יונגעלע, וועלכע אָפּגעריסן פון אירע ליבע און טייערע, דערגרייכט דאָס טרויעריקע פרויען־לאַגער אָשוויעצים, וואו זי האָט פאַרבראַכט ביז כמעט דעם אַריינמאַרש פון די זיגרייכע רוסישע חיילות.

די שרייבערין איז אַ קלוגע, ענערגישע און אינטעליגענטע פרוי, וואָס ווערט אויסגעקליבן פון דער ס.ס.־לייטונג צוערשט סתם אין דער שרייבשטובע און נאָכדעם אין דער אַזויגערופענער „פּאָליטישער אָפּטיילונג“.

מען מוז זאָגן, אַז כאָטש דאָס בוך איז באַצייכנט נאָר אַלס „טאַטזאַכן־באַריכט“, איז עס נישט געשריבן אָן שפּאַנונג און טאַלאַנט. עס לייענט זיך גוט און עס ווילט זיך עס לייענען געשווינט ביז צום סוף. אָבער ליידער געפינט מען נישט אין דעם בוך דעם אָפּקלאַנג פון דער גרויסער יידישער טראַגעדיע און פון דער קאָלעקטיווער בלוטשולד פונם דייטשן פאָלק. יאָ, אין אַ גרויסער מאָס געפינט מען דאָרט גענויע פּרטים וועגן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון די „פּריווילעגירטע“, פון די יחידים, וואָס זיינען געוואָרן אויסדערוויילט צו אַרבעטן און צו זיין נוצלעך פאַר די „הערן־מענטשן“ פון דער בלאָנדער בעסטיע. מען געפינט דאָרט געוויסע באַשרייבונגען און כאַראַקטעריזירונגען פון די איינצעלנע „הומאַנע“ און בעסטיאַלישע ס.ס.־מענער און פרויען, אונטערפירערס און אויבער־פירערס; פון דער קליינע קנאה שנאה אויף איין זייט און דער גרויסער קאַמעראַדשאַפט און חברשאַפט אויף דער אַנדערער זייט; פון קליינע ראָמאַנסן און געבורטסטאָגס־פייערונגן אין אַנדערע ריין מענטשלעכע עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך אָפּגעשפּילט אַפילו אין דעם טויטן־לאַגער אָשוויענצים.

אויף זייט 78 געפינט מען אַן עפּיזאָד, וואָס איז ווערט דערמאָנט צו ווערן, און איז צום טייל שוין געוואָרן דערציילט אויספירלעכער פון אַנדערע מחברים. אינם יאָר 1943 איז אָנגעקומען דער גרויסער קינדער־טראַנספּאָרט פון ,טערעזיענשטאַדט (טערעזין אין טשעכאָסלאָוואַקיע). אַלע תושבים פון אָשוויענצים זיינען געווען דערשטוינט צו זען, אַז מען האָט די קינדער געלאָזט אין זייערע אייגענע מלבושים, מען האָט זיי נישט אָפּגעשניטן די האָר, נישט אוועקגענומען זייער באַגאַזש. עס איז געווען אַ „פאַמיליען־לאַגער“ טע־



רעזיענשטאָדט, וואָס איז פאַרהעלטניסמעסיק געוואָרן גוט פאַרפּלעגט. אויף איינמאָל איז געקומען דער אוקאַז: „אַלע אַנטרעטן!“ די קינדערלעך זיינען אויפמאַרשירט צוזאַמען מיט אַ יונגנמאַן פון 22 יאָר, וואָס איז די גאַנצע צייט געווען זייער לערער. ווען ער האָט באַקומען אַ וואונק פון אַ ס.ס.־מאַן אַרויסצוגיין פון דער קאָלאָנע, דאָס הייסט, אַז ער קען זיך ראַטעווען, האָט ער געזאָגט: „ניין, ווען די אַלע קינדער גייען, גיי איך אויך!“ און ער איז מיט זיי אומגעקומען אין דער גאַז־קאַמער... די מחבר'טע דערמאָנט אָבער נישט, אַז ביי דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט האָט עס זיך געהאַנדעלט אום יידישע קינדער.

מיר געפינען אין דעם דאָזיקן בוך אַ סך באַגעבענהייטן פאַרשוויגן און פאַרשענערט. טראָץ דער פילפאַרביקייט פון אומצייליקע עפּיזאָדן, פעלט אין זשעני שניצערס בוך יעדע אָנדייטונג און באַטאָנונג פונם גרויסן יידישן חורבן. אָשוויענצים איז נישט געווען סתם אַ קאָנצענטראַציע לאַגער, נאָר איינע פון די גרעסטע ספּעציעל־אָרגאַניזירטע מאָרד־פאַבריקן, וואו עס זיינען אומגעקומען מיליאָנען יידן.־וואו איז דער ביטערער אויסגעשריי? וואו די גרויסע אָנקלאַגע קעגן דעם בעסטיאַלישן קאָלעקטיוו, וואָס איז געווען אָרגאַניזאַטאָר און עקזעקוטאָר פון אַלע גרוילטאַטן, איבער וועלכע די מחבר'טע ווייס מער, ווי מיר קענען נאָר האָבן אַ באַגריף?

די דייטשע נבלה פון נאַציזם און פאַשיזם וועט פּרובירן אויסצונוצן די מילדקייט פון דעם דאָזיקן בוך, און עס איז צייט, אַז עס זאָל קומען אַן אויגן־עדות מיט דעם שאַרפן אויג פון אַן אָדלער, מיט אַ האַרץ פון אַ לייב און דעם גוטן זכרון פון אַ העלעפאַנט, וואָס זאָל אָנשרייבן געשיכטע און אָנקלאַגע פאַר אונז און דער וועלט — די גרויסע מענטשלעכע דאָקומענטן איבער מענטשלעכע אונמענטשלעכקייטן.

נאָוועמבער, 1947.

## צוויי וואָרט־קאָנצערטן

### 1 חיהלע גראָבער

אַ קאַלטער לאָנדאָנער דרויסן, אַ נעפּלדיקער פייכטער און דו זיצט דיר ביי אַן עלעקטרישן קאַמין, ביי אַן אָפּגעמאָסטענער טעמפּעראַטור פון אַזויפיל און אַזויפיל גראַד וואַלט, וואָס ביי אַ ריכטיקן קוילן־און האָלץ איינגעהייצטן אויוון וואָלט עס בפירוש אוממעגלעך געווען; אָן יעדן ביסעלע סוואָנט אָן מינדסטן אַש און קוילן שטויבעלע, וואָס ביי אַ נאַטירלעכן אָפענעם פייער וואָלט עס אויך אוממעגלעך געווען; אָבער (און וויפיל די גלאָזורן זאָלן נישט קינצלעך טוישן די נאַטירלעכע פייער קאָלירן!) פון דער „באַנאַלע“ „סענטימענטאַלע“ שלוהדיקער „קאַמין“־שטימונג גייט אָבער אויך עפּעס לאיבוד, — יענע ראָמאַנטישע פיל געריממטע קאַמין שטימונג! — אַזוי האָב איך מיך געפילט זיצנדיק ביים וואָרט קאָנצערט פון חיהלע גראָבער.

ניִשט איבער דעם פיינעם און פּראָפּאָרציע אויסגעוויגענעם געמיש פון עכט קינצלעכן, אָבער אויך עכט קינסטלעכן, בין איך אַריינגעפאַלן אין אַזאַ מין אַסאָציאַציע שטימונג ; וואָרים וואָלט דאָס געווען דער פאַל, וואָלט גיכער געווען אויפן פּלאַץ אַ גוט „געמיקסט" ליקערל, אַזוי מיט שפּיץ־צונג, כסדר אַזוי, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, צו פּרוּוון און צו געניסן דעם ליבלעכן טעם — דאָס זיינען דאָך אירע געשמאַקע פאָלקס־לידלעך־עוקצלעך, די ליפּן קוים צו באַפייכטן און צו דערפרישן צווישן איין גראַציעז־אויסגעטאַנצטן וואַלץ און אַ צווייטן ; ניִשט וואָרט און ניִשט געזאַנג — אַ זיסלעכע דיקציע פון נאָטן און אַ האַרבלעכער פון ווערטער אין איין יידישלעך־טריפנדיקן קדמא־ואזלא־טראָפּ.

יאָ, די קאַמין־אַסאָציאַציע איז גיכער דורך דעם ברעטל איבערן קאַמין, דעם אַזוי גערופענעם ענגלישן „מענטל פּיס"! מיט אירע פלינקע הענט שטעלט זי אויס די פיינסטע באַראָק און ראָקאָקאָ סעוורע־פּאָרצעלאַן, די גראַציעזע פיגור, וואָס זי מאָדעלירט מיט איר שטימע און מיט די ווינקענדיקע קנעכל פון אירע פינגער קלאַפּט זי אויס דעם קלאָר־קלינגנדיקן פּאָרצעלאַנענעם קלאַנג אָן שום פּגם. און וואָס קאָן זי ניִשט אַלץ מאַכן מיט איר שטימע, וועלכע פאָלגט זי ווי אַ לאַשטשענדיק קעצעלע, — ניִשט פון פלייש און בלוט ! — אַזאַ פּאָרצעלאַן־ראָקאָקאָ קעצעלע, אַ לעבעדיק לייבהאַפּטיקס.

און ווי זי מוז דאָס היטן איר טאַלאַנט, ווי זי מוז דאָס איִם ערלעך צוימען ! איין גראַד איבערשפּאַנט, אָדער נאָכגעלאָזט און עס פּלאַצט די פאָרעם. און דער איידעלער קלאַנג איז פאַרלוירן און פון איר קינצלעכע קונסט ווערט קונסט־געווערבע ; עס ווערט פּאָרצעלאַן פאַר טיש־געברויך — אַ מאָנעטאָנע ענגלישע „קאָפּ אָף קאַפע" פון איר צו טרינקען ! עס הערט אויף צו זיין אָן אַנטיטשנער מייסנער קוקוק־זייגער, אַ פּרעצים־אויסגערעכנטער אויף אַלע זיינע זיך דרייענדיקע רעדער און רעדעלעך — קונסט איז געצוימטער און דרעסירטער פאָלקלאָר, ווען די נאַאיוויטעט באַקומט עכטע פאָרעם.

ביי היהלע גראָבער שטעלט זיך ניִשט די פראַגע וואָס זי מאַכט און וועמען זי מאַכט — זי מאָדעלירט ! פּרץ, געבירטיק, וויינפּער, מאַנגער, צי אַ העברעאיש קינדער־לידל ? זיינען די ווערטער וואָגיק גענוג, שפּרינגען זיי אַרוּם ווי די קוקאַווקעס צו דער רגע ; ווען ניִשט, בלייבן זיי דאָס אַנטיטשנע, מאָדילירטע פּאָרצעלאַנענע ציפער־בלאַט — זיי זיינען זייער אייגענע אָווער־טורע, אויסגעקלונגען נאָך שפּעטער שעה...

זי וואָלט זיך אויך פיין צוגעפּאַסט צו די צייט־לידער פון אונזערע טעג, (מאַלע וואָס יִדעלעך ווילן דווקא הערן פריילעכע זאַכן און מ'מוז זיי „דער־ליווערן די גוטס". . . . .) זי האָט אונז געגעבן אַ פאַרגעשמאַק מיט י. י. סיגאַלס „ליכט בענטשן". מ'מוז ניִשט דווקא מאַכן דעלאַראָביאַ מאַיאָליקאַס מיט מאָנומענטאַלע פרעסקען און רעליעפן, זי וואָלט זיכער זייער פיין מאָדעלירט מיט אירע ליכטבענטשנדיקע ברענענדיקע הענט ריבאָקישע קיראַמיקס, שלאַנק־ציקענדיק איבער אונזערע אויסצאַנקענדיקע פייערלעך.



מיט אירע וואָרט־קאָנצערטן אין יידיש טוט היהלע גראָבער אַ גרויסן דינסט פאַרן יידישן קונסט־וואָרט, — כאָטש זי איז אפשר ניִשט קיין יידי־שיסט ! — מ'האָט דאָך שוין באַלד זיך גענומען איינריידן, אַז נאָר די העב־רעאישע שפּראַך איז מסוגל צו אַזאַ מין קלאָרע וואָכטאַנגאָוו־דיקציע, עס איז רק דאָס העברעאישע וואָרט מיט אירע ספרדישע חברות און בלאָק־אותיות וואָס מ'קאָן אין זיי טעסען ווי אין שווערן מירמלשטיין. קומט היהלע גראָבער און קנעט מיט אירע געשיקטע הענט אונזערע פאָלקס־לידער פיגורן און שטעלט זיי יידישלעך און זויבערלעך אויף דעם אַזוינגערופענעם ענגלישן קאַ־מין. . . .

יאָ, זי וועט נאָך די פיינסטע צייט־קעראַמיקן אַרויפשטעלן אויף אונזער אַלט־געבאַקענעם פּריפּעטשאָק, איבער אונזער ליכטיק וואַרעמען צעברענטן „פייערל".

## 2. די ארץ־ישראלדיקע זינגערין ברכה צפירה

די זעקס מיליאָן יידן זיינען טויט ווי אַלע טויטע, געשטאָרבן, באַגראָבן — אויס ! און דאָס איבערבלייבעכץ (כ'מיין דאָ אונז, ניִשט די שארית הפליטה...) וויל שוין צומאָל ניִשט, אַז מ'זאָל זייער געמיטלעכקייט שטערן מיט אַ דערמאָנונג פון די טויטע. אַמאָל דאָרט, ביי מזכיר־נשמות־זיין אין שול, אָפּכאַפּן אַ „מאָלע", מהיכא תיתא, אָבער אין טעאַטער וויל עס לאַכן, אין קאָנצערט זאָל וויל עס הערן פריילעכע זאַכן. און „קול העם" איז דאָך „כקול שדי"! דעם מאַיעסטעט עמך פאָלגט מען ! ! און אין איר צווייטן פּראָגראַם האָט שוין היהלע גראָבער צומאָל דאָס פּיצעלע אומשולדיקע „ליכט בענטשן" אויך אַרויסגעלאָזן. זיכער וועט מען שוין אויפשטעלן גאַנצע טעאָ־ריעס, אַז מיטן באַנאַלן סענטימענטאַלן דערמאָנען די קדושים פאַרשוועכט מען נאָר דעם הייליקן זכרון פון זיי... מיר זיינען דאָך אַן עם חכם ונבון!

אַ, ווי ס'ווילט זיך לעבן, ווען מען זעט ווי ס'פאָלעק און זיינע אידעאָ־לאָגן באַגייען זיך צומאָל מיט זיינע קדושים און העלדן ! אפילו אַ יידישיסט ווילט זיך לעבן, באַלעבן און איבערלעבן... בין איך געגאַנגען הערן די פאַלעס־טינעזערין, די תימנערין ברכה צפירה : אפשר זיינען זיי דאָרטן, אין טיפן אָריענט נאָך ביכולת צו באַהאַלטן דאָס, וואָס מיר האַלטן אין איין פאַרלירן... אפשר וועלן זיך טאַקע אויפעפענען די מאַסיוו־נאַאיווע, די ספרדישע, ברייט־בלאָקיגע, אותיות־מרובעות און אַריינגעמען אונזער פאַרשטיינטן צער, און שטיין בלייבן מיטן פה נטמן איבער אונזער לעבן ? און אפשר גאָר, ווער ווייסט, דאָרטן אין תימן, האָבן זיי נאָך איינגעשלאָסן אין זייערע צעזונטע אַטאָמען דאָס קדמונדיקע נאָך פון פאַר אונזער בראשית : דאָס ריזלען פון די סאַכאַראַ זאַמדן דאָס שטורעמדיקע קיזל־שטיין געקוילער, נאָך איידער נאָך דער שווערער שטיין צוקאָפּנס פון אונזער שטאַם פאָטער, יעקב ? אפשר דערהערן מיטאַמאָל דאָס טויב־שטילע וואָרקנדיקע קוואַלן געהרויש, נאָך איידער יעקב האָט דעם שטיין פון ברונעם אַראָפּגעקוילערט, — יענע איבער־געריסענע בעדואינער זיפצן! נאָך איידער יעקב האָט געטראָפן זיין רחלען מיט

אירע שעפּסעלעך: בענקענדיקע העראָגליפן פאַרשריבן אויף ליניִרטע האָריזאָנטן מיט ווילדע שטיינבאָק־הערנער — פלאַטערדיקע שיר־השירים־טויבן!!

עס איז אַ לאַנגע נאַכט, אַ ליל־שמורים, די פאַרלענגערטע 24 שעה, וואָס די „יונאָ" וויל אַרויסזאָגן איר באַשלוס וועגן אַ יידישער מלוכה, און אַ יידישיסט זיצט און וואַרט — נישט אויף אַ קאָמבאַנירטן „יודענשטאַט", נאָר צו דערלעבן ווי רייד פון נביאים ווערן מקוים; צו זיין אַ מיט עדות ווי דעם נביא עובדיה'ס ווערטער, פון דער הפטרה פון היינטיקן שבת — „ובהר ציון תהיה פליטה" — ווערן טאַט; ווי טויזנטיאָריק וואָרט פאַרוואַנדלט זיך אין האַנדלונג — וואָסער דראַמאַטיק!! אונזער גאַנצע טראַגיק וועט עס דאָך אפשר קענען איבערוועגן — — —

עס איז אַ לאַנגע נאַכט, אַ ליל שמורים, און דאָס שטימעלע איז אַ פיינס, אַ קליינס, אַ נאַאיווס, קולעכל־מיילכל וואָס קאָן דעם זיסעסטן האָניג אַרויסזויגן, אָבער צו שוואַך פאַרן נביאישן וואָרט, עס פעלט מעטאַל אין דער שטימע, — די מאַסיווע בלאָק־אותיות עפענען זיך נישט; זיי זיינען נישט אומשטאַנד אַריינצונעמען דעם פאַרשטיינטן צער. נאָר מיטאַמאָל, ווען זי האָט אָנגעהויבן צו זינגען איר מאַמע־לשונדיק תימניש־נאַאיוו לידל, האָבן זיך די אותיות זאַפטיק געעפנט ווי געפלאָכטענע צווייגן־שטייגלעך און באַפרייטע פייגעלעך האָבן אָנגעהויבן פלאַטערן אין דער לופטן; און דאָס שיר השירים'דיקע פון איר „שחורה אני ונוה" — מיט שלשלת פון תימניש יינגלישע פאַהלעך האָט געטאַנצט פאַר מיינע אויגן! און איך זיץ און הער, און אין מיין האַרץ ציטערט עס פאַר די טויזנטער יידן איצט אין די אָריענטאַלישע לענדער, אַז זיי זאָלן אונז אַצינד לעבעדיק בלייבן מיט זייער לייבהאַפטיקן פאָלקלאָר; זיי האָבן דאָך אפילו נאָך נישט געהאַט די זכיה צו ווערן אויפגעשריבענע כתבי קודש, ווי אונזער פאָלקסטימלעכער פאָלקלאָר — — איר מאַמע־לשון־מעלאָדיע הער איך נאָך אַרויסקלינגען פון ביאַליקס יידיש־פאַרהעברעאישטן „בין נהר פרת ונהר חדקל" — דאָס שטאַרקסטע פונם גאַנצן קאָנצערט! — ווייל די ארץ־ישראל־תימנישע זינגערין האָט, מסתמא, אונזער פאָלקלאָר נאַאיוו דערין דערפילט, און עס איז פאַרדרייפאַכט אַזוי געהאַרצט געוואָרן.

און צום סוף אירע דריי לאַלקע־וויגן־לידלעך האָבן מיין האַרץ איינגעוויגט מיט אַזויפיל ליבלעכקייט, אַז ס'איז אַליין געוואָרן אַזאַ קינדערלעכע דריידעל־פאָרעם מיט די נאַאיוו צעקריצטע ראשי־תיבות אותיות פון: „נס גדול היה שם".

ש.



## ז. קאַפּלאַן

# יידישע זעלנער פון דער פוילישער אַרמיי פאַרן קיין ארץ ישראל

(אַ באַריכט)

נאָך אַ יאָר זיין אין ענגלאַנד און נאָך לאַנגע אונטערהאַנדלונגען פאָרט ענדלעך אַרויס אַ יידישע גרופּע סאָלדאַטן פון דער פוילישער אַרמיי נאָך ארץ ישראל. אינטערעסאַנט איז די געשיכטע פון דער נסיעה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַנדערטהאַלבן יאָר צוריק. די פוילישע אַרמיי איז דעמאָלט געשטאַנען אין איטאַליע. אַ גרויסע צאָל יידישע זעלנער האָט געוואָלט פאָרן נאָך ארץ ישראל. די פוילישע אַרמיי־אָנפירונג האָט נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן. עס זיינען צעשיקט געוואָרן פאַראָרדנונגען צו רעגיסטרירן (אין אַלע אָפּטיילונגען) די יידישע זעלנער, וועלכע ווילן פאָרן נאָך ארץ ישראל. פון ס'רוב אָפּטיילונגען האָט מען יידישע זעלנער נישט אָפּגעשיקט נאָך ענגלאַנד, נאָר זיי איבערשיקט אין דעמאָביליזירונגס קעמפּס, פון וואַנען זיי האָבן געזאָלט צוזאַמען אָפּפאָרן נאָך ארץ ישראל.

אין אָקטאָבער איז אָנגעקומען אַ באַפעל אַלעמען איבערצושיקן נאָך ענגלאַנד אויף דעמאָביליזאַציע, און פונדאַנען זאָלן זיי באַלד אַוועקפאָרן.

ווען די שיף מיט דער פאַלעסטינער גרופּע איז אָנפאַנגס נאָוועמבער 1946, אָנגעקומען אין גלאַזגויער פאָרט, האָט מען קודם כל אַרעסטירט דעם לייטענאַנט שטיינבאַק און ביי אַלע יידישע סאָלדאַטן אַדורכגעפירט אַ גרינטלעכע רעוויזיע. די פוילישע סאָלדאַטן, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט דער זעלבער שיף, האָט מען בכלל נישט רעווירירט.

די גאַנצע פאַלעסטינער גרופּע האָט מען אָפּגעשיקט אויפן ווייטן צפון אין קייטהנעס.

אין דער גאַנצער ענגלישער פרעסע זיינען געווען סענזאַציאָנעלע ידיעות מיט שרייענדיקע קעפּלעך, אַז מ'האָט געכאַפּט אַן אָפיציר, וואָס איז איינער פון דער טעראָריסטישער „שטערן" גרופּע. די גאַנצע גרופּע סאָלדאַטן איז עטלעכע חדשים געווען ווי אונטער הויז־אַרעסט.

יעדן טאָג האָבן אַלע געמוזט זיין פאַרזאַמעלט אויף אַ פּלאַץ, און מען האָט געציילט צי עס פעלט נישט קיינער. פון באַקומען אורלויב איז אָפּגערעדט. אפילו אַ זון וואָס האָט געהאַט זיין מוטער אין לאָנדאָן און האָט זיך מיט איר נישט געזען דורך דער גאַנצער מלחמה צייט, האָט בשום אופן נישט געקאָנט באַקומען קיין אורלויב. ערשט נאָך אַ חודש צייט האָט מען דעם לייטענאַנט שטיינבאַק אַרויסגעלאָזן פון תפיסה, מ'האָט זיך פאַר אים אַנטשולדיקט און אים באַפרייט.

דורך דער גאַנצער צייט האָט מען אים אפילו נישט אויסגעפאָרשט. אָבער די סענזאַציאָנעלע ידיעה האָט מען ניט געפונען פאַר נויטיק אָפּצורופן.

איינציקוויז האָט מען אויך אָנגעהויבן צו געבן אורלויב. אָבער אונז איז דאָך נישט געגאַנגען וועגן „ליווס", נאָר וועגן פאָרן נאָך ארץ ישראל. אויף דעם האָט די גרופּע אין אָנפאַנגס 1947 באַקומען אַ בריוו פון „וואָר־אָפּיס", אַז זי נעמט אין באַטראַכט דעם אַנטייל פון די יידישע זעלנער אין פּוילישן מיליטער און זייער קאַמף פאַרן נצחון פון די „עלאַים", און זי באַמיט זיך אונז גיך אַרויסצושיקן און האָפט, אַז נאָך אין די ערשטע חדשים פון דעם יאָר וועלן מיר אַרויספאָרן.

עס איז אַדורך דער ווינטער, דער פרילינג און — גאָרנישט. דעמאָלט איז געקומען אַ צווייטער בריוו, אַז מ'וועט אינגיכן אַוועקפאָרן. אין פּוילישן „רעסעטלמענט קאָרפּס" האָט קיינער נישט געוואָלט אַריינטרעטן צוליב צוויי סבות: ערשטנס ווייל מיר זיינען דאָך נאָר אַהערגעקומען זיך צו דעמאָביליזירן, און צווייטנס איז דער „רעסעטלמענט קאָרפּס" אַ גוטער דעק מאַנטל פאַר אַסך פאָלקס דייטשן, ס.ס.־מענער און ענלעכע פאַרשוינען וועלכע האָבן טויזנטער יידן אויף זייער געוויסן און זיינען לייכט אַריינגעטראָטן אין דער פּוילישער אַרמיי.

דערווייל זיינען אָנגעקומען שלעכטע ידיעות. דער קאָלאָניאַל אָפּיס האָט אין אַ בריוו געשריבן, אַז מיר זיינען נישט קיין שום מיוחסים און האָבן נישט קיין שום רעכט צו „פּרייאָריטי" און דאַרפן וואַרטן אויף אונזער ריי. דאָס זעלבע האָט אויך געענטפערט דער „וואָר אָפּיס".

עס האָבן זיך אָנגעהויבן כסדרדיקע אינטערווענצן פון די יידישע פאַרלאַמענט מיטגלידער, און ענדלעך באַקומען מיר אַ ידיעה, אַז מיר פאָרן אַרויס.

יעדער איינציקער פירט מיט זיך אויף זיין נייעם לעבנס וועג זיין טראַגעדיע. מאַנכער פון אונז האָט אַלע זיינע נאָענטע פאַרלוירן. געציילטע האָבן דורך דער צייט אָפּגעפונען — ווער אַ ברודער, ווער אַ שוועסטער אָדער קרוב. אַ קלענערע צאָל האָבן אָפּגעפונען זייערע פרויען, מיט וועלכע זיי פאָרן צוזאַמען.

יעדער פון די לעבן געבליבענע איז אַ געשיכטע פאַר זיך, אַ געשיכטע פול מיט נסים. אַזוי צ.ב.ש. איז די פאַמיליע גרינבערג געווען באַהאַלטן צוויי יאָר אונטער אַ קי שטאַל; די פרוי ווײַנלאַס מיט איר זון זיינען געווען כמעט פאַרמויערט; די פרוי לינדען, אַ גאַסט פון לאָדזער געטאָ איז געווען אין אוישוויץ. דער מאַן האָט זי אַרויסגעראַטעוועט אַ האַלב לעבעדיקע. אויך עטלעכע יונגערע זעלנער האָבן צו דערציילן זייערע צרות פון טויט־שרעק און שווערע איבערלעבונגען וואָס זיי האָבן מיטגעמאַכט בעת דער מלחמה.

אויך די עטלעכע זעלנער האָבן אַסך צו דערציילן וועגן זייער שווער לעבן אין די רוסישע לאַגערן אויפן ווייטן צפון, דערנאָך דער לאַנגער מלחמה וועג פון פּערסיען, איראַק, עגיפּטן און איטאַליע. פאַר זיי אַלעמען זיינען אַלע טירן פון דער וועלט פאַרשלאָסן. נאָר איין איינציקע לאַנד איז פאַר זיי אָפן: דאָס איז ארץ ישראל, וואו זיי וועלן זיך איינאָרדנען און אָפּלעבן זייערע רעשט יאָרן נאָך דעם שרעקלעכן מלחמה קאָשמאַר.



## צדה לדרך אויף אייער נסיעה

(פאַר די פּויליש־יידישע סאָלדאַטן צו זייער אָפּפאָרן נאָך ארץ־ישראל)

* * *

אויפן וועג שטייט אַ בוים,
שטייט ער איינגעבויגן,
פאָרט אַ ייד נאָך ארץ ישראל,
מיט פאַרוויינטע אויגן.

נאָט, גאָט מיין גאָט,
שוין צייט צו דאַוונען מנחה,
פאָרט אַ ייד נאָך ארץ ישראל,
איז אַ גרויסע שמחה.

(אַן אַלט יידיש פאָלקס־ליד)

* * *

במחצבה נפל אביך,
אל תבכה בתוהו,
אין דבר, — סגור את פיך!
תהיה חוצב כמוהו.

תהיה חוצב, תחציב בסלע,
תבנה ירושלים!
ואם הבכי הוא בסלע —
השתיקה בכפלים!

דאָס העברעאישע פאָלקס־לידל האָט מיר רבי שפּעטמאַן געזונגען אין אַ וואונדערלעכע חסידישע מעלאָדיע, וואָס עס פלעגט געזונגען ווערן פון חלוצים אין פּוילן אין אַ דביקות־טאַנץ.

# שלמה קאַהן

„פריינט פון יידיש לשון" און „די יידיש־ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס" זאָגן אַ צתכם־לשלום צום אַקטיאָר שלמה קאָהן צו זיין אָפּפאָר נאָך קאַנאַדע. זיי זאָגן אים אַ יישר כוח פאַר זיין אָפטער הילף מיט פאָרלייענען און רעציטאַציעס פאַר דעם נחת־רוח וואָס ער האָט פאַרשאַפט דעם שבת׳דיקן עולם. און בעיקר איז אונזער קאָמיטעט דאַנקבאַר קאָהנ׳ען פאַר זיין גרויסער הילף לגבי אונזער קינדער פאָרשטעלונג לטובת די פליטים קינדער.. מיר ווינטשן אים מנוחה אין זיין נייער היים און אַ סך גליק פאַר זיין קינסטלערישע טעטיקייט.





# יהודית מאַרעצקאַ

## און איר ערשטן קאָנצערט אין לאָנדאָן

זונטאָג, דעם 23־טן נאָוועמבער, איז אין „ניי יידיש טעאַטער", אַרויסגעטרעטן צום ערשטן מאָל אין לאָנדאָן אַ קינסטלערין פון דער שארית הפליטה יהודית מאָרעצקאַ.

אירע לידער פון געטאָ, האָט זי אויף אַ וואונדערלעכן אופן „אויסגעוויינט", דאָס איז פאַר אונז קלאָר, אַז נאָר די מעגן באַזינגען און זינגען פון געטאָ, וואָס האָבן דאָס געטאָ אויסגעטראָגן אויף זייערע פלייצעס. יהודית מאָרעצקאַ באַזיצט אַ סאַמעט ווייכע שטימע און הגם זי קומט פון דער אָפּערע, איז זי אָבער ניט מקריב דעם דיכטערס וואָרט, פאַר דעם קאָמפּאָזיטאָרס טאָן.

יהודית מאָרעצקאַ קאַרנט מיט אירע הענד באַוועגונגען און יעדע באַוועגונג פון איר איז אויסגעמאָסטן. ווי מתיקותדיק זי האָט געזונגען „דאָס שיפעלע" פון י. ל. פּרץ. בכלל איז שווער אויסצוקלויבן וועלכעס ליד זי האָט בעסער געזונגען, יעדעס ליד איז געווען אַ וועלט פאַר זיך און גאָט׳ס דריי הונדערט און צען וועלטן, זיינען דאָך וואונדערלעך שיין.

עס איז צו האָפן, אַז די קינסטלערין פרוי מאָרעצקאַ וועט איינגיכן קומען צו אונז אין לאָנדאָן און מיר וועלן האָבן די געלעגנהייט פון איר קונסט מער צו געניסן.

ביים פּיאַנאָ האָט זיך אויסגעצייכנט, מיט איר שפּילן און באַגלייטן די פּאַריזער פּיאַנאָ קינסטלערין רענע סאַלאָמאַן.

א. מ.

---

„אין זכות פון די טעג" 3/6
„אין חדר אריין" 5/-
פון
**משה עובד**
צו באַקומען ביים מחבר:
MOSHE OVED, 26, MUSEUM STREET, LONDON, W.C.1
עפענטליכע ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי

## אן אפענער בריוו פון י. א. ליסקי

## „לשון און לעבן“

רעדאַקטאָר א. נ. שטענצל.

טייערער פריינט שטענצל,

אין דער אויסגאַבע „לשון און לעבן“ פון פאַרגאַנגענעם חודש האָט איר געבראַכט אַ נאָטיץ אין וועלכער איר טיילט מיט דער יידישער עפענטלעכקייט, אַז מיין בוך „מ ל א כ ה ב ז ו י ה“ איז צוריקגעצויגן געוואָרן פונם פאַרקויף. צו אייך, ווי צו אַן אמתן, אויפריכטיקן קעמפער פאַרן יידישן וואָרט האָב איך גאָר אַ גרויסע טענה, הלמאי לאָזט מען טאַקע נישט פאַרשפרייטן דאָס בוך, אַ בוך, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן צו ברענגען אַ נייע מאָראַל, אַ נייע פאָרם און אַ גאַנץ נייעם אינהאַלט. איר זענט דאָך אַן עדות, וואָס פאַר אַ שטורמדיקע דיסקוסיע דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אויף דער לעצטער גענעראַל פאַרזאַמלונג פונם היגן יידישן שרייבער פאַריין און ווי שטאַרק ס׳איז פראָטעסטירט געוואָרן קעגן דער עוולה, פון פאַרשטעלן דעם וועג דעם בוך. איך מיין, אַז איר דאַרפט עפענען די שפאַלטן פון אייער ליטעראַרישער אויסגאַבע פאַר אַ ברייטן וויכוח קעגן די אַלע אָנגעווייטאָקטע פּראָבלעמען, וואָס ווערן קינסטלעריש אַרויסגעבראַכט אין דעם בוך. איר וועט אַזוי אַרום דערפילן אַ גרויסע ליטעראַרישע אויפגאַבע און דאָס וועט זיין אַ גרויסער געווינס סיי פאַר די יידישע שרייבער, פאַרן געזעלשאַפטלעכן קיום פון דער יידישער קולטור און פאַר אַ ברייטערן האָריזאָנט אויפן פעלד פון יידישן שאַפן.

גאָר פריינטלעך, אייער,

**י. א. ליסקי**

אונזער ענטפער

מיר אַלע ווייסן, אַז די עפנטלעכע מיינונג האַלט פון דער פרייהייט פון וואָרט און באַזונדערס פון דער פרייהייט פון קינסטלערישן וואָרט. ס׳איז גרינג דורך דראָאונגען אַריינצופירן אַ פאַרלעגער אין אַ פאַרלעגנהייט. עס איז אָן שום ספק, אַז פון ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט דאַרף דאָס בוך דערשיינען.

ווי איך פאַרשטיי וועט דאָס בוך קענען אַרויסגעגעבן ווערן ערגעץ אַנדערש. וואָס שייך וועגן אייער אייגענער קריטיק איבער דעם בוך און די פּראָבלעמען, און דעם ליטעראַרישן טומל, וואָס איר באַרירט, וועל איך שטענדיק גרייט זיין אָפּצוגעבן פּלאַץ אין דער אויסגאַבע „לשון און לעבן“ פאַר אַן ערלעכע און אויפריכטיקער קריטיק, און בעיקר אַ נישט איינזייטיקע.

די רעדאַקציע.



## חסידישער פאַלקלאָר

גע־זאַמלט און אויפגעשריבן פון **יחזקאל ערליכמאַן**

ערשטע סעריע : די אַלטע קאָצקער

צו דעם גרויסן אומגליק, וואָס איז באַפאַלן דאָס יידישע פאָלק, דאַרף אויך ווערן צוגערעכנט דאָס ווילדע אויסראָטן פון יידישע און העברעאישע ספרים פון אַלע ריכטונגען. נאָך מער צו באַדויערן זיינען די קוועלן פון די פאַרשידענע פאָלקס מעשיות, דברי צחות, גלייכווערטלעך וכו׳, וואָס זיינען נישט געווען געדרוקט, און האָבן עקזיסטירט אַלס אַ מין „תורה שבעל פה“.

דען אויב פון די געדרוקטע ספרים וועלן זיך נאָך געפינען קאָפּיעס אין אַמעריקע אָדער אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט, וועלן אָבער די פאָלקס־מעשיות און אַ טייל פונם פאָלקלאָר מיט דער צייט קענען גיין פאַרלוירן. איך דענק, אַז עס איז אַ מאָראַלישער חוב אָט די דאָזיקע צו ברענגען אין דער עפנטלעכקייט, און זאָל עס הייסן, ווי אַ „השבת אבידה“ צום כלל ישראל.

איך וועל מאַכן אַן אָנהויב מיט עטלעכע עפּיזאָדן, מעשיות און גלייכווערטלעך פונם יידיש־חסידישן לעבן פון פוילן און גאַליציע.

## א. דער וואָודעסלאַווער רב רבי מאַטל און זיין שיין שטאַרבן

עס איז ווערט דאָ איבערצוגעבן איניקע מעשיות און פאַקטן פון די אַלטע קאָצקער חסידים, וועלכע געבן אַ באַגריף פון זייער שטאַרקן כאַראַקטער און פעסטער הנהגה.

צווישן חסידים איז ער געווען באַקאַנט אַלס ר׳ מאַטיל וואָוידיסלאַווער, אָבער ער איז נישט קיין געוויינלעכער חסיד, ר׳ מאָטיל. ער איז געווען דער רב פון וואָוידיסלאַוו ; אַ גרויסער למדן און פון די שאַרפע חסידים, מיט אַ זער גוטן חוש פאַר הומאָר און גלייכווערטלעך. ער האָט זיך ווייניק געקימערט וועגן זיין פאַרנעם אַלס רב, און ער האָט מער פאַרברענגט אין קאָצקער שטיבעל, ווי אין דער שול אָדער אין בית־המדרש.

מען דערציילט, אַז אין אַ סביבה ביים חידושי הרי״ם זצ״ל, וואו עס זיינען געווען פאַרזאַמלט די גאַנצע חבריא ביי אַ סעודה פון אַ סיום מסכת, איז צווישן זיי געווען דער ר׳ מאָטיל און אויך דער פילצער רב, באַקאַנט אונטער דעם נאָמען ר׳ לייבוש פילצער, וועלכער, אין סתירה צו ר׳ מאָטיל׳ן, האָט זיך געהאַלטן ווי איינער, וואָס פאַרשטייט און איז זיך באַוואוסטזיניק אויף זיין פאַרנעם אַלס רב און תלמיד־חכם. דערפאַר פלעגט ר׳ מאָטיל ביים צוזאַמענטרעפן זיך מיט ר׳ לייבוש פילצער אויסברענגען אויף אים זיינע גלייכווערטלעך.

מאַכט זיך, אַז נאָך דער סעודה, ביים בענטשן, זאָגט ד[illegible]על חידושי־הרי״ם, אַז ער איז מכבד זיי ביידן — ר׳ לייבוש פּילצער׳ן און ר׳ מאָטיל׳ן — מיט דעם בענטשן. עס האָט געהייסן, אַז ווי ער קאָן ביי זיך נישט אָפּמאַכן וועמען ער זאָל מכבד זיין, לאָזט ער עס איבער צו זיי אַדורכצוקומען צווישן זיך.

אַזוי ווי ר׳ מאָטיל איז געווען אַ כהן, זאָגט ר׳ לייבוש צו אים:

— נו, איר זענט דאָך אַ כהן, האָט איר אַ דין קדימה!

ענטפערט אים ר׳ מאָטיל:

— אַז איך בין אַ כהן ווייסט דאָך דער רבי אויך. זיין ספק איז נאָר באַשטאַנען אין דעם, וואָס „ממזר ותלמיד־חכם קודם לכהן־גדול עם־הארץ״...

די גאַנצע חבריא ביים טיש האָט זיך שטאַרק צעלאַכט. און כאָטש דער וויץ איז געווען צו שאַרף, האָט מען אָבער דעם ר׳ מאָטיל אַלץ מוחל געווען צוליב דעם שפּאָס...

נאָר דאָס, וואָס איך וויל ווייטער דערציילן פון אים, איז וואָס איך האָב געהערט פון זיינס אַ תלמיד, וועלכער איז שפּעטער געוואָרן דער שוחט פון וואָוידיסלאַוו.

ווען ר׳ מאָטיל איז קראַנק געוואָרן אויף דער עלטער און מען האָט געקענט זען, אַז ער וועט שוין לאַנג נישט אָנהאַלטן, זענען חסידים און בעלי־בתים, פון דעמאָלט אָן שטענדיק געווען פאַרזאַמלט אין זיין הויז. אין דער לעצטער נאַכט, מען האָט געמיינט אַז אָט אָט איז שוין יציאת נשמה, רופט ער צו די מענטשן, וואָס זענען דאָרט געווען און בעט, מען זאָל אים העכער מאַכן צוקאָפּנס. מען האָט אונטערגעלעגט נאָך אַ קישן, אַז ער איז געלעגן האַלב־זיצנדיק. דאַן ווענדעט ער זיך צו די מענטשן מיט די דאָזיקע ווערטער:

— עס איז דאָך אונז אַלע באַקאַנט, אַז פון דער ערשטער מינוט, ווען דער מענטש ווערט געבוירן, איז דער יצר־הרע שוין אַ מחותן מיט אים און טרעט נישט אָפּ פון אים ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג. נו, בעט איך אייך, מיט וואָס פאַר אַ פאָרשלאַג קאָן ער קומען צו מיר? כ׳מיין, וואָס פאַר אַן עבירה קאָן ער אָנבאָטן צו אַ מענטש, וואָס איז אין אַזאַ לאַגע, ווי איך?

אַלע האָבן געשוויגן. ער אָבער האָט נאָך אַ קורצער פּויזע מוסיף געווען:

— איך וועל אייך זאָגן. איצט קומט ער צו גיין און זאָגט מיר: „היים דיך ריין אַרומוואַשן און דיר אָנטון ריינע וועש און איינהילן אין טלית; און געזעגן דיך מיט די מענטשן, וואָס זיינען דאָ. וועט מען זאָגן אויף דיר, אַז דו ביסט שיין געשטאָרבן״...

און באַלד ווי ער האָט געענדיקט די ווערטער, האָט ער צוריק פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויפן קישן און אין ווייניקער ווי אַ מינוט איז געווען נאָך יציאת נשמה.

דער תלמיד, וואָס האָט דאָס מיר דערציילט, האָט פון זיין זייט, זער גערירט, צוגעגעבן די דאָזיקע ווערטער:



— אויף דעם פּסוק אין תהלים — על זאת יתפלל כל חסיד אליך לעת מצוא — זאָגט די גמרא: „לעת מצוא זו מיתה״. דער דאָזיקער דרוש איז זער געפּאַסט אויף מיין רבי׳ן ר׳ מאָטיל ז״ל, און אין זיין סדר פון שטאַרבן. אין משך פון זיין לעבן איז זיין כלל געווען, זיך זעלבסט נישט אָפּצונאַרן; און דאָס האָט ער אויסגעדריקט מיט זיינע לעצטע ווערטער ביי זיין לעצטן לעבנס־אָטעם...

---

## קולטור ידיעות פון דא

לעאָ קעניגס בוך „פאָלק און ליטעראַטור״ דערשיינט דעם חודש.

*　*

עס זעצט זיך יעצט אין „נאַראָדפּרעס״ אַ באַנד לידער פון איציק מאַנגער, אויך אַ בוך עסייען פון טויבש און אַ בוך פּאָעמען פון חוה ראָזענפּאַרב, אויך אַ נייע דראַמע פון מאָרים קאַץ.

*　*

קייטי בראַונס בוך „לאַכט אויב איר ווילט״, האָט זיך אין משך פון איניגע חדשים כמעט אינגאַנצן פאַרקויפט. די טעג גייט אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע פון בוך — אַ רעקאָרד אין יידישן לאָנדאָן.

*　*

דער באַרימטער דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש ווערט דערוואַרטעט בקרוב אין לאָנדאָן.

*　*

מיר האָפן, אַז ס׳וועט אונז געלינגען אַראָפּצוברענגען צו אונז אויף אַ באַזוך דעם פּאָעט נחום באָמזע.

*　*

לעצטנס איז פאָרגעקומען די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונם „יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין אין לאָנדאָן״. עס איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ נייער קאָמיטעט.

*　*

אויף זיין דורכרייזע נאָך פּוילן האָט אין לאָנדאָן געוויילט דער יידישער דעפּוטאַט פון קאַנאַדער פּאַרלאַמענט ד״ר זאַלצבערג. ער איז אויפגענומען געוואָרן פו פריינט פון יידיש לשון ביי אַ באַנקעט. אויף אונזערע לאָנדאָנער יידישע דעפּוטאַטן געזאָגט געוואָרן אַזויפיל וויסן פון יידישקייט, יידישע קולטור און יידישע ליטעראַטור.

*　*

משה שויערמאַן, רעדאַקטאָר פון „יידישן וואָרט״ פון ווענעצועלאַ, וויצע פּרעזידענט פונם פּען־קלוב ווײלט דאָ אויף זיין דורכרייזע אין זיין ליטעראַרישע שליחות נאָך פּוילן און רומעניען

*　*

דער אַרבעטער ־רינג האָט איינגעאָרדנט אַ צאתכם לשלום לכבוד ד״ר שמואל אייזנשטאַט, דעם פאָרזיצער פון „ועד הלשון״ אין ארץ ישראל, וועלכער איז אָפּגעפאָרן אין אַ שליחות קיין אַמעריקע צו שאַפן אַ יידישן פראָנט קעגן פאַשיזם.

*　*

## שבת, דעם 6-טן דעצעמבער, 3 א זייגער

## א גרויסע ארץ-ישראל-פייערונג

## אין לאקאל פון „פריינט פון יידיש לשון“

קומט אין מאסן !

## פריינט פון יידיש לשון

זונטאג, דעם 28־טן דעצעמבער, אום 3.30, אין אבסא־הויז, קאמערשל רויד, א.1., וועט פארקומען א גרויסער ווארט קאנצערט לכבוד דעם 112־טן געבוירן יאר פון אונזער גרויסן קלאסיקער מענדעלע מוכר־ספרים.

די בארימטע זינגערין **חנה מעצקער** וועט זינגען פאלקס-לידער, דער באקאנטער און באליבטער אקטיאר **יודל גאלדבערג** וועט ליינען פון אונזער קלאסיקער־דערציילער. אונזער רעציטאטאר **נעט רובין** וועט רעציטירן פון אונזערע קלאסיקער־פאעטן.

באזארגט אייך מיט בילעטן און העלפט מיט די טעטיקייט פון :

פריינט פון יידיש לשון.

די סוף־חודש זונטיגס פון „פריינט פון יידיש לשון“ ביים „בן־אורי“

**„בן-אורי“ קונסט גאלעריע, 14, פארטמען סטריט, וו.1.**

זונטאג, דעם 28-טן דעצעמבער

## א מענדעלע מוכר-ספרים פייערונג

* * צום 112־טן געבוירן יאר פון אונזער קלאסיקער * *

עם וועלן זיך באטייליקן מיט רעדעס איבער מענדעלע׳ס שאפן און פערזענלעכקייט : **משה עובד, א. נ. שטענצל, אליהו פאלושאק.**
ליינען פון מענדעלע׳ס ווערק וועלן די שוישפילערין **דארא דימאנט** און אונזער רעציטאטאר **אייזיק גאלדבערג.**

פארזיצער : י. ביעטש.

AUTHOR
Cl. Mark
Date sent:

...בונד גרופע האט פארגאנ־
...לעם חודש אויסגעפירט א יידיש־ליטעראריש־אוונט אין ארבעטער־רינג מיט גרויס דערפאלג, עם האבן זיך באטייליקט די יוגנדלעכע : פרץ זילבערבערג, פיינגעלע.אינפעלד און אסתר זילבערבערג און דער לייטער מאיר באגדאנסקי — מיר האפן זיי צו הערן אפטער !

*

ווי מען טיילט אונז מיט גרייט צו דער „ניי יידיש טעאטער“ אין „אלעקסאנדער טעאטער“ א גרויסע אויפפירונג פונם „דיבוק“. דער מאלער בראנשטיין מאלט ספעציעלע דעקאראציעס דערצו.

* *

לויט מען הערט וועט די באקאנטע אקטריסע רות רענע אויפטרעטן אין „גרענד פאליי טעאטער“.

דער אקטיאר אריעל האט אויפגעפירט אין ניי יידיש טעאטער די סאוויעטישע קאמעדיע „הערשעלע אסטראפאליער“ מיט גרויס דערפאלג.

* *

דער 28 דעצעמבער ווערט געפייערט דער 112־טער געבוירן טאג פונם קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור מענדעלע מוכר ספרים מיט א גרויסער מאסן פארזאמלונג אין אבסא הויז אין ווייטשעפל און אין בן־אורי אין דער וועסט ענד. ביידע אונטערנעמונגען זיינען איינגעאָרדנט פון „פריינט פון יידישן לשון“.

* *

דער אוונט פון פריינט פון יידיש לשון בייא בן אורי איבער י. ל. פרץ איז א דורך מיט גרויס דערפאלג.

* *

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נכמיטאגס

(אין בערנארד באראן סעטלמענט, 33 בערנער סטריט, א.1. — 3 א זייגער)

שבת, דעם 6־טן דעצעמבער, א גרויסע פייערונג צוליב דעם באשלוס פון דער „יונא“־קאמיסיע. רעציטאציעס, געזאנגען, רעדעס. סעם דרין וועט האלטן א רעפעראט : „דער סוף פון צוויי טויזנט יאר גלות“.

שבת, דעם 13־טן, די טראדיציאנעלע חנוכה־פייערונג. מיט רעציטאציעס, געזאנג. שמואל הײלפערן וועט ריידן איבער בער באראכאוו צו זיין 30־טן יארצייט.

שבת, דעם 20־טן אן „אנוכי“־שבת. ל. בעלקין וועט ליינען „רב אבא“. אליהו פאלושאק וועט ריידן איבער „אנוכי“.

שבת, דעם 27־טן וועט דער זשורנאליסט עזרא סאסנאוויטש, האלטן א אויספירלעכן רעפעראט : ענגלישע יידן אין עקאנאמישן קריזיס

## צו אונדזערע אבאָנענטן, לייענער און פריינט פון „לשון און לעבן“

מיר בעטן די אבאָנענטן און די לייענער פון „לשון און לעבן“ צו פילן אַ חוב צו שאַפן פרישע לייענער און אבאָנענטן פאַר אונזער פעריאָדישע אויסגאַבע.

די דאָזיקע באַשיידענע מיטהילף אייערע וועט העלפן צו דערהאַלטן און צו פאַרגרעסערן די אויפלאַגע און אַזוי אַרום אויך פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט דאָ אין לאַנד.

אונדזערע לייענער און זייערע פריינט, וועלכע שטייען אינם געשעפטס־לעבן ווערן געבעטן אונדז צו זיין בייהילפיק מיט געשעפטס־אַנאָנסן. אויך דאָס קען זיין אַ בוישטייַן צו אונדזער וויכטיקער אַרבעט.

מיר טיילן אייך מיט, אַז עס איז געבילדעט געוואָרן אַ געמיינזאַם סעקרעטאַריאַט פון „לשון און לעבן“ און „פריינט פון יידיש לשון“, אָנגעפירט פון אונדזערע מיטאַרבעטער יהודה ביעטש און אליהו פּאַלושאַק.

אין אַלע ענינים, אָנפראַגעס און געלדשיקונגען בעטן מיר זיך צו ווענדן אויף די פאָלגנדיקע אַדרעס:

E. Paluszak, 64 Lauriston Road, Hackney, E.8. London.

---

## יידישע קורסן פאַר דערוואַקסענע

ווער עס וויל אָנטייל נעמען אין דעם קורס זאָל זיך ווענדן צו אונזער סעקרעטאַר אויף דעם אויבנדערמאָנטן אַדרעס.

---

## צום צווייטן יאָרצייט פון חזן נפתלי צבי מייעראָוויטש ע"ה

כ"ג כסלו.

לזכרון פון אונזער ליבן אונפאַרגעסלעכן מאַן און שוואָגער, וועלכער איז אָפּגעריסן געוואָרן פון אונז. געלעבט און געשטאָרבן אין דינסט פון זיין פאָלק.

מרס. שרה מייעראָוויטש,
צבי אָרנשטיין.

## געזוכט קרובים

איך זוך מיין שוועסטער יענטע, שוואָגער יודעל און קינדער, גאָלדין. זיי האָבן געוואוינט אין וואָלקאָוויסק, ליטע. דאָס לעצטע מאָל האָב איך געהערט פון זיי אין 1938. זיי זיינען געווען בעקערס. ווער עס ווייס פון זיי אָדער זיי אַליין זאָלן זיך מעלדן צו:

Mr. N. Levenson, 6, St. Mary's Road, Leeds.

---

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St , London, E.1*

TOWER HAMLETS LIBRARIES